ב"ה

# הקריה

# Hakiryah

ניסן תשע"ב לפ"ק

133

קרית יואל יצ"ו




# הנהלת הקרי' פרעזענטירט גראנדיעזע פלענער פון געזונטהייט און דערפרישונג פראיעקטן אין נייעם "רוח החיים" קור ארט

קור ארט אויף לארקין דרייוו וועט אנטהאלטן אפטיילונגען פאר "קינדער פארק", "אבות ובנים", א "שפאציר וועג", "צום געזונט", "זומער קלאסן" און "שפיל הויז"

**בוי ארבעט פון 'קינדער פארק' אפטיילונג גייט אן אין פולן שוואונג**

**ערב הילולא פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע:**

# שנעלע אויפבוי פון נייעם ביהמ"ד "ישמח משה דקיט"ל" אין "שכונת ברך משה" רופט ארויס וואונדער און פרייד

**סטרוקטור פון מאיעסטעטישע פיר-שטאקיגע בנין מפואר ביהמ"ד ישמח משה דקהל יטב לב ד'סאטמאר ארויפגעצויגן במלוא הדרו ותפארתו אין בלויז 3 חדשים נאכ'ן התחלת המלאכה - בוי ארבעט זעצט פאר אין פולסטן שוואונג בליעה"ר - "יסוד הבית קאמפיין" איינגעברענגט בלויז פון תושבי השכונה אומגלויבליכן היסטארישן סכום פון "איבער א מיליאן דאלאר" געשאנקען מיט מסירת נפש למען הקמת מקדש מעט**



-ספעציעלע בראשור בייגעלייגט אין היינטיגן "הקריה"-




# מאסיווע רענאוואציע פלענער אין "עזרת חולים העלט סענטער" וועט פילפאכיג פארברייטערן פידיעטריק און דענטל דעפארטמענטס

קול נשמע בכל גבולך, הרחיבי מקום אהלך:

# אנגעהויבן בשעטו"מ בוי ארבעט אויף נייעם גיגאנטישן בנין התלמוד תורה

**נייע פיר-שטאקיגע געביידע ווערט געבויעט אויף בעיקערטאון ראוד ביים אריינגאנג צו קרית יואל - פרישע 'הרחבת גבולי הקדושה' פראיעקט אין ווערד פון קרוב צו 10 מיליאן דאלאר - בנין וועט באשטיין פון 91,000 סקווער פיס, מיט קרוב צו 50 חדרים, 2 בתי מדרשים, 3 עס זאלן און בית התבשיל**

# מאסיווע רענאוואציע פלענער אין "עזרת חולים העלט סענטער" וועט פילפאכיג פארברייטערן פידיעטריק און דענטל דעפארטמענטס

מיט גרויס פרייד ווערט אויפגענומען די מעלדונג איבער א מאסיווע רענאוואציע פלאן וואס ווערט אצינד אויסגעארבעט דורך די "הנהלת עזרת חולים", וואס וועט בעז"ה ערמעגליכן שטארק צו פארברייטערן פארשידענע אפטיילונגען פונעם העלט סענטער.

לויט די איצטיגע פלענער וועט די אונטערשטע שטאק (בעיסמענט) פונעם העלט סענטער געביידע, גענצליך רענאווירט ווערן און וועט באשטימט ווערן אינגאנצן פאר'ן פידיעטריק דעפארטמענט, וואס וועט דערמיט פארדאפלט ווערן אין פלאץ און א פארברייטערטע שטאב, כדי צו קענען סערווירן און באהאנדלען די פילע קינדערלעך כ"י תושבי הקרי'.

אין די זעלבע צייט ווערט געפלאנט אז דער ערשטער שטאק, וואו ס'האט זיך ביז היינט געפונען דער פידיעטריק דעפארטמענט אינאיינעם מיט די דענטאל דעפארטמענט, וועט איבערגעבויעט ווערן אינגאנצן פאר'ן דענטאל דעפארטמענט, וואס וועט פארגרעסערט ווערן אין פלאץ צו כמעט 3 מאל אזויפיל ווי ביז היינט!

אינאיינעם מיט'ן פארברייטערטן פלאץ, וועט אויך דער שטאב פון די דענטאל דעפארטמענט פילפאכיג פארברייטערט ווערן מיט "ערוואקסענע" און "קינדער" דענטיסטס, וואס דאס באדייט אויטאמאטיש אז עס וועט אי"ה זיין פיל גרינגער און שנעלער צו באקומען אן אפוינטמענט אין דעם דענטאל דעפארטמענט, צו די צופרידנהייט פון די חשוב'ע פאציענטן און איינוואוינער שיחיו.

גלייכצייטיג גייען אן ווייטערדיגע פאזיטיווע פלענער און אנטוויקלונגען, אויסצוברייטערן דעם "אינטערנעל און ספעשילטי" דעפארטמענט און אויך אין די אנדערע דעפארטמענטס ווי די "פרויען אפטיילונג" און "ריהעב", צו פארברייטערן די סערוויסעס פאר די חשוב'ע פאציענטן שיחיו.

בורא עולם בקנין השלם זה הבנין!

---

# הנהלת הקרי' פרעזענטירט גראנדיעזע פלענער פון געזונטהייט און דערפרישונג פראיעקטן אין נייעם "רוח החיים" קור ארט

## קור ארט אויף לארקין דרייוו וועט אנטהאלטן אפטיילונגען פאר "קינדער פארק", "אבות ובנים", א "שפאציר וועג", "צום געזונט", "זומער קלאסן" און "שפיל הויז"

### בוי ארבעט פון 'קינדער פארק' אפטיילונג גייט אן אין פולן שוואונג

תושבי קרית יואל נעמען אויף מיט די העכסטע צופרידנהייט, די גראנדיעזע פלענער פון די הנהלת הקרי', אהערצושטעלן בעז"ה א הערליכן "רוח החיים" קור-ארט אין די גלילות פון קרית יואל, וואס וועט באשטיין פון פארשידענע געזונטהייט און דערפרישונג פראיעקטן על טהרת הקודש, פאר יונג און אלט, טאטעס, מאמעס און קינדער, וואס דאס וועט אדרעסירן די געברויכן פונעם היימישן ערליכן ציבור בכלל און תושבי קרית יואל יצ"ו בפרט, וואס מען ווארט שוין דערויף לאנגע יארן.

עס האנדלט זיך פון א מעכטיגן קאמפלעקס וואס ווערט אויפגעשטעלט אויף די ריזיגע שטחים וואס דער ווילידזש פארמאגט מחוץ לעיר אויף לארקין דרייוו, וואס וועט בעז"ה אנטהאלטן א נעץ פון וויכטיגע סערוויסעס פאר'ן געברויך פונעם היימישן ציבור, הקטנים עם הגדולים, צ.ב.ש. א גרויסע שפיל-פארק פאר די קינדער, א לופטיגע שפאציר וועג פאר די ערוואקסענע, 'צום געזונט' עקסערסייז געביידע, א רואיג ווינקל וואו טאטעס וועלן קענען לערנען מיט קינדער אונטער די לופט במנוחת הנפש, א שפיל-הויז, א פרייע פעלד, א.א.וו.

אינעם שפאגל נייעם "רוח החיים" קור-ארט וועט צוזאמגעברענגט ווערן לפונדק אחד די אלע וויכטיגע געברויכן, צוגעשטעלט העכסט פראפעסיאנאל און באקוועם פאר'ן היימישן ציבור, און גלייכצייטיג "על טהרת הקודש", אויף א אידישליך אויסגעהאלטענע וועג!

אינעם קור ארט וועלן תושבי קרית יואל זיך קענען אויסרוען און קומען צו די כוחות בעז"ה, דורך פארשידענע אופנים. עלטערן וועלן קענען זיצן און לערנען אדער זיך אפרוען, און קינדער וועלן קענען זיך שפילן דערנעבן. אלעס צוגעשטעלט על טהרת הקודש, ספעציעל פאר קרית יואל'ער איינוואוינער, צו קענען שפאצירן און פארברענגען בעז"ה אויף א אידישן וועג, צו האבן דעם "דרכא אחרינא" און מער נישט דארפן גיין מיט די קינדער אין שכינות'דיגע פארקס און אנדערע אומאויסגעהאלטענע שפאציר ערטער, וואו מ'קען זיך ח"ו אנזען מיט פריצות און אויסגעלאסענע זאכן.



חלקים פונעם קינדער פארק אפטיילונג אינעם רוח החיים קור ארט וואס ווערט שוין גרייט צום באנוץ, מערקט אויף דעם בערגל א קורצן וועג פון טרעפ, און א אנדערע וועג ספעציעל פאר קערידזשעס און ווילטשערס

## דער לאנגער וועג

דער קרוין פונעם "רוח החיים" קור-ארט איז בלי ספק דער "קינדער פארק", וואס ס'איז נאך נישט געווען ביז יעצט אין קרית יואל. שוין יארן לאנג וואס מ'זוכט פלענער צוצושטעלן א קינדער פארק, אבער עס איז ביז היינט נישט צושטאנד געקומען.

די הנהלת הווילידזש האט געארבעט אימערמידליך מיט פארשידענע שתדלנות'ן דערויף, עטליכע פלעצער זענען שוין געווען באשטימט דערפאר, נאר עס זענען שטענדיג אויפגעקומען עיכובים און שטרויכלונגען פון אלע זייטן, ברוחניות ובגשמיות, וואס האט דאס צוריקגעהאלטן.



דער נייער ראוד אריין צום רוח החיים קור ארט ווערט פארבינדן מיט לארקין דר.

ביז מ'האט ענדליך געטראפן א גאר פאסיגן פלאץ אויף "לארקין ראוד" וואס די הנהלת הקרי' האט אפגעקויפט מיט עטליכע יאר צוריק, און אט דער שטח איז געווארן אויסגעארבעט צו זיין געאייגנט לויט דעם סטאנדארט פון קרית יואל, און עס איז געווארן א מעגליכקייט צו קענען אהערשטעלן דערויף סיי דער קינדער פארק און סיי אנדערע פארשידענע וויכטיגע געברויכן און סערוויסעס אויף א פיל העכערע רוחניות'דיגע ניווא.

עס דארף באמערקט ווערן אז דאס פלאץ איז ספעציעל אינדרויסן פון קרית יואל, כדי די קינדער זאלן נישט קענען גיין אליין אן השגחה, נאר מיט די עלטערן. ווי אויך וועט דער גאנצער שטח זיין אונטער א שטרענגע און שטענדיגע שמירה בעז"ה, ברוחניות ובגשמיות.

תושבי קרית יואל קוועלן פון פרייד ביים דורכפארן אויף לארקין ראוד, זעענדיג ווי ס'גייט שוין אן די ארבעט מיט אן אימפעט. דער ראוד איז שוין אויסגעפלאסטערט און דער שטח פאר'ן קינדער פארק איז שוין גרייט אנצוהייבן די ארבעט.

## די בוי ארבעט אין שוואונג

זעלבסטפארשטענדליך אז צוצושטעלן אזא פארק איז נישט אזא פשוט'ע זאך און דאס מיינט נישט בלויז צו אינסטאלירן אפאר גליטשערס, נאר דאס איז א ערנסטע פראיעקט וואס נעמט אריין אין זיך עטליכע חלקים, ווי צב"ש דאס צוגרייטן און אויסגראדן דעם באדן, צושטעלן פארקינג פלאץ פאר גענוג קארס, צושטעלן די אינפערסטראקטשור פון די וואסער סוער און דרעינידזש, אויפבויען די נויטיגע געביידעס פאר ביה"כ און מענעדזשמענט אין דעם פארק, אהערשטעלן דעם ראוד וואס פירט אריין צום פארק, אין צוגאב צו דאס אויפבויען די שפילצייג ווי סווינגס, גליטשערס אא"וו.

אין א שמועס מיט די עסקנים אין די לעצטע צייט, הערן מיר פארשידענע אפדעיטס איבער דעם פראיעקט, און זאכן רוקן זיך פאראויס בעז"ה.

פאלגענד איז א קורצע באריכט פון די לעצטע אנטוויקלונגען:

- אזוי ווי דער שטח איז באוואקסן מיט הונדערטער גרויסעביימער, דעריבער האט מען די ערשטע זאך געמוזט אפשניידן אלע ביימער און געוואוקסן צו קענען צוגרייטן א פרייען פעלד פון כמעט 10 אקער לאנד פאר

(פארזעצונג אויף זייט 18)



אינמיטן די ארבעט אהערצושטעלן דעם גאר קאסטבארן ראוד וואס פירט אריין צום קור ארט

# שנעלע אויפבוי פון נייעם ביהמ"ד "ישמח משה דקיט"ל" אין "שכונת ברך משה" רופט ארויס וואונדער

### סטרוקטור פון מאיעסטעטישע פיר-שטאקיגע בנין מפואר ביהמ"ד ישמח משה דקהל יטב לב ד'סאטמאר ארויפגעצויגן במלוא הדרו ותפארתו אין בלויז 3 חדשים נאכ'ן התחלת המלאכה - בוי ארבעט זעצט פאר אין פולסטן שוואונג בליעה"ר - "יסוד הבית קאמפיין" ארייגעברענגט בלויז פון תושבי השכונה אומגלויבליכן היסטארישן סכום פון "איבער א מיליאן דאלאר" געשאנקען מיט מסירת נפש למען הקמת מקדש מעט

אומגלויבליך! עס איז קוים דורך א קארגע דריי חדשים זינט מ'האט זיך געוואונטשן צו זעהן א טרעקטאר אויפ'ן דעזיגנירטן באדן; קוים וואס מ'האט פארענדיגט די ענדגילטיגע בוי פלענער, קוים וואס מ'האט פראקלאמירט דעם פאנדרעיזינג קאמפיין און זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג צו די נדיבים בעם, און... יא! עס איז שוין נישט קיין חלום! די גאנצע סטרוקטור פונעם פראכטפולן פיר-שטאקיגן בנין מפואר "ביהמ"ד ישמח משה" דקהל יטב לב ד'סאטמאר, איז שוין ארויפגעצויגן במלוא הדרו ותפארתו, צו וואס יעדער קען זיך אליינס איבערצייגן, צום אומבאגרעניצטן פרייד פון אלע תושבי השכונה והקרי' בפרט, און פון אלע תלמידי וחסידי סאטמאר אלוועלטליך בכלל.

אבער וואס ליגט דא אוועקגעשטעלט אונטער'ן פונדאמענט? דאס ווייסט דערווייל נישט יעדער וואס קומט אן באזוכן דאס פלאץ. צוויי ווערטער "מסירת נפש"! אט דאס ליגט אוועקגעשטעלט און איינגעווארצלט אינעם 'יסוד הבית', מיט וועלכן דער פראכטפולער בנין, בית מקדש מעט ווערט בעזה"י אהערגעשטעלט אלס א מקום קדוש לתורה ולתפלה ולטהרה ביז משיח'ס טאג

ווי מער מ'טראכט אריין דערין, אלס מער התפעלות כאפט מען פונעם אומגלויבליכן מציאות, ווען אין תשע"ב, יא פונקט אין די היינטיגע שווערע אנגעשטרענגטע צייטן, ווען די פרנסות זענען אזוי שווער, די עקאנאמיע איז נאך אויפ'ן קראנקן בעט, דאך איז פון 'שכונת ברך משה' איינוואוינער געשאפן געווארן אזא קידוש ה', ווען בלויז פון די תושבי השכונה אליין, וואס באשטייט עפ"י רוב פון יונגע יונגעלייט, טאטעס פון קינדער-געבעטנשטע משפחות, וועלכע פלאגן זיך אויף א דאלאר, איז צוזאמגעקומען אזא היסטארישן סכום אדיר פון "איבער א מיליאן דאלאר", פאר דעם הייליגן צוועק צו העלפן אוועקשטעלן א בית נכון ונישא, פאר זיך און פאר די קומענדיגע דורות עד ביאת הגואל.

עס איז ווירקליך אזוי ווי כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א האט זיך שוין מערערע מאל אויסגעדרוקט מיט התרגשות ביי פארשידענע געלעגנהייטן איבער די הערליכע געגנט: "שכונת ברך משה" איז א כבוד פאר'ן טאטן ז"ל" (מרן בעל ברך משה מסאטמאר זצ"ל).

*

ווי עס איז שוין היינט ברייט באקאנט איבער די וועלט, איז "שכונת ברך משה" אויסגעשטיגן ב"ה אלס א הערליכער פינת יקרת אינעם הייליגן שטאט "קרית יואל", א פראכטפולער מקום סיי בגשמיות און נאך מער ברוחניות. בגשמיות: פשוטו כמשמעו, א הערליכע דעוועלאופמענט, שיינע הייזער און גראונדס, ליכטיג, רחבות'דיג וכדו', צום געשמאק פון אלע איינוואוינער. אבער נאך מער איז עס שיין און הערליך ברוחניות, אין אלע דריי עמודים פון תורה, עבודה וגמילת חסדים וואס איז א שם דבר איבעראל. באזונדער איז 'שכונת ברך משה' פארוואנדלט געווארן אלס א סימבאל פון אהבה ואחדות בין אדם לחבירו, וואס ווערט שטארק ארויפגעקוקט און באוואונדערט אלס א מוסטער פאר אנדערע געגנטער און קהלות.

מיט א בליק ארויף אויפ'ן הערליכן בארג אין 'שכונת ברך משה', קען מען טאקע רואיג זאגן, אז 'שכונת ברך משה' איז א שטאלץ פאר קרית יואל, און פארשאפט אודאי א כבוד גדול לזכרו הבהיר פון רביה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זי"ע, אשר שמו הקדוש נקרא עליו, ביי ווען 'קרית יואל' איז געווען

(פארזעצונג אויף זייט 29)




ערב שבת הגדול, מען האלט שוין ביים דאך...

# מעמד קביעת מזוזה אויף הרחבת גבולי הקדושה אין ביהמ"ד "ברך משה" באַשטימט אויף דינסטאָג שמיני הבעל"ט אול"י כ"ו ניסן

### כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועט דאַווענען מעריב און קובע זיין מזוזה אויף נייעם רענאוווירטע חדר לתורה ותפלה, ביומא דהילולא קדישא פון רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

די חשוב'ע מתפללים אינעם באַרימטן ביהמ"ד "ברך משה דקיט"ל היכל מנחם זאב" וועלן קומענדיגן דינסטאָג פרשת שמיני ביינאַכט, אור ליום כ"ו ניסן הבעל"ט מיטהאַלטן דעם געהויבענעם מעמד קביעת מזוזה אויפ'ן נייעם חדר לתורה ולתפלה, וואָס איז אין די טעג פאַרענדיגט געוואָרן אינעם היכל הביהמ"ד לשביעת רצון באי שערי בית ה' פונעם ביהמ"ד.

דער נייער חדר התפלה איז אייגענטליך א קליינער טייל פון די העפטיגע קאָנסטרוקציע וועלכע איז אין די פאַרלאָפענע וואָכן דורכגעפירט געוואָרן אינעם ביהמ"ד. דער גאַנצער ביהמ"ד האָט ב"ה משנה צורה געווען, נאָכדעם וואָס דער ביהמ"ד איז גאָר פראַכטפול פאַרענדיגט געוואָרן פון אינעווייניג, צוגעבנדיג א געוואַלדיגן פראַכט און חן כראוי וכיאות פאַר א בית מקדש מעט.

דער ביהמ"ד ברך משה איז איינס פון די שענסטע בתי מדרשים דאָהי אין קרית יואל, און עס גלייבט זיך שווער אַז שוין פינעף יאָר איז פאראיבער זינט דער נייער היכל הביהמ"ד איז געעפענט געוואָרן טאַקע ביומא דהילולא רבה קמייתא פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע לע"נ ווען דער ביהמ"ד ווערט גערופן מיט'ן נאָמען "ברך משה".

ווער נאָר עס קומט אַריין אינעם ביהמ"ד איז מעיד אַז דער ביהמ"ד ברענגט דעם ריכטיגן כבוד פאַר'ן רבי'ן זי"ע און עס איז זיכער אַז בשמי מרום שעפט דער רבי זי"ע תענוג ונחת פון דעם הערליכן מקום תורה ותפלה, פון וואו עס גייט אַרויס אַזויפיל תורה ותפלה אויף א געוואַלדיגן פאַרנעם.

דורכאויס די יאָרן איז דער ביהמ"ד פאַרוואַנדעלט געוואָרן אַלס א תל תלפיות פאַר די פילצאָליגע תושבים אין די גאַנצע געגענט אַרום, און כסדר ווירבעלט דער ביהמ"ד מיט א שיינעם קול תורה. בפרט איז דער ביהמ"ד א תל תלפיות אין די שבתים וימים טובים, ווען דער ציבור איז שטאַרק נהנה פון די גאָר וואַרימע תפלות ברוב עם הדרת מלך, צוזאַמען מיט'ן רב הביהמ"ד הגה"צ רבי ברוך טייטלבוים שליט"א חדב"ן.

אין די לעצטע חדשים האָבן די חברי הנהלת הביהמ"ד זיך אַריינגעלייגט אַהערצושטעלן דעם ביהמ"ד לשם ולתפארת, און דער גאַנצער ביהמ"ד איז אויסגעצירט געוואָרן מיט הערליכע מארמאר שטיין און אַנדערע אויסשניצונגען וואָס ברענגט אַריין א געוואַלדיגן הרחבת הדעת ביים עוסק זיין בתורה ותפלה בין כותלי ביהמ"ד.

די מתפללי ביהמ"ד ברך משה —

(פאַרזעצונג אויף זייט 31)





קול נשמע בכל גבולך, הרחיבי מקום אהלך:

# אנגעהויבן בשעטו"מ בוי ארבעט אויף נייעם גיגאנטישן בנין התלמוד תורה

**נייע פיר-שטאקיגע געביידע ווערט געבויעט אויף בעיקערטאון ראוד ביים אריינגאנג צו קרית יואל - פרישע 'הרחבת גבולי הקדושה' פראיעקט אין ווערד פון קרוב צו 10 מיליאן דאלאר - בנין וועט באשטיין פון 91,000 סקווער פיס, מיט קרוב צו 50 חדרים, 2 בתי מדרשים, 3 עס זאלן און בית התבשיל**

סאטמארער חסידים בכלל, און תושבי קרית יואל בפרט, טרעטן צו צום זמן חירותינו מיט א ספעציעלע שמחת יו"ט, הערנדיג די גוטע נייעס, אז נאך לענגערע צוגרייטונגען האט מען שוין בעזה"י אנגעהויבן מיט די בוי ארבעט אויפ'ן נייעם גיגאנטישן בנין התלמוד תורה, די 13'טע בנין אין די גאלדענע קייט פון די הערליכע מבצרי החינוך לתורה וליראה פון די מוסדות הק' אין קרית יואל.

דער נייער בנין ווערט אויפגעבויעט אויף א פרייען באדן הארט ביים אריינגאנג אין קרית יואל אויף בעיקערטאון ראוד, און ווערט געשאצט אפצוקאסטן דעם פאנטאסטישן סכום פון קרוב צו 10 מיליאן דאלאר.

דער נייער בנין פאר'ן ת"ת איז א פרישע רינגעלע אין די לאנגע קייט פון די אומאויפהערליכע הרחבת גבולי הקדושה פראיעקטן, וואס גייט ווי נאטורליך אינאיינעם מיט'ן בליה און וואוקס פון די הייליגע מוסדות בליעה"ר, אויף א פארנעם וואס האלט שוין אזוי אן צום גוטן במשך די לעצטע קרוב צו 40 יאר, זינט די מוסדות הק' זענען נתייסד געווארן דורך מרן הקוה"ט רבינו בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע.

"הרחבת גבולי הקדושה" איז א סלאגאן מיט וואס די מוסדות הק' אין קרית יואל טוען ב"ה סימבאליזירן. עס קוועלט דאס הארץ פאר נחת דקדושה מיטצוהאלטן די כסדר'דיגע וואוקס פון די מוסדות, וויאזוי די אימפעריע פון מוסדות קרית יואל טוען אזוי וואונדערליך זיך צעוואקסן לשם ולתפארת, לנחת רוחם של רבותה"ק זי"ע אונטער די הדרכה ונשיאות קדשו פון כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א.

דער 'חינוך הבנים' אליין איז היינט א מעכטיגער חינוך אפאראט, וואס נעמט אריין זעקס פראכטפולע בנינים מיט טויזנטער תשב"ר כ"י און הונדערטער מלמדים וכלי קודש אין אלע אפטיילונגען, פון קליין ביז גרויס. יעדעס יאר קומען צו בליעה"ר פרישע קלאסן, און מען נויטיגט זיך רעגעלמעסיג אין פרישע בנינים, צו קענען נאכקומען דעם צופלוס פון קינדער.

עס איז שוין באמת א לענגערע זמן וואס ס'שפירט זיך א געברויך מרחיב צו זיין די גבולי הקדושה פאר'ן תלמוד תורה. זייענדיג אבער געדרוקט אין געלט, ווען ווי פארשטענדליך איז נישט לייכט פאר די הנהלת המוסדות אונטערצונעמען אזעלכע מולטי-מיליאן דאלאר'דיגע פראיעקטן, בפרט ווען מ'האט נארוואס געענדיגט אהערשטעלן א פרישן בנין פאר'ן בית רחל, האט מען בדיעבד פרובירט צו שטופן די צייט אויף ווילאנג עס איז מעגליך, אבער אזוי ווי דער מצב ווערט נאר ערגער ב"ה, דאס דחקות שרייט שוין ארויס פון יעדן ווינקל אין די בניני התלמוד תורה, און עס ווערט שוין פאראויסגעזען א פרישע מאנגל אין פלאץ אויפ'ן קומענדיגן יאר, איז די הנהלת המוסדות געווען געצווינגען זיך ארייניצולאזן אין דעם נייעם פראיעקט בכל לבם ונפשם מיט'ן געוויכט אהערצושטעלן דעם נייעם בנין ווי פריער מעגליך בסייעתא דשמיא, כדי צו קענען ברענגען א תועלת פאר'ן חינוך פון די אלפי תשב"ר להעמדת הדורות מתוך הרחבת הדעת.

ווי שטענדיג ווערט דער נייער פראיעקט אהערגעשטעלט און אנגעפירט דורכ'ן בארימטן בוי-מייסטער הרה"ח ר' אביגדור הכהן ראזענבערג הי"ו, וועלכער האט שוין די זכי' געהאט אהערצושטעלן מערערע הערליכע בנינים אדירים אלס אכסני' פאר חינוך הבנים והבנות, וועלכע ווערן ב"ה באניצט טאג טעגליך דורך אלפי תלמידים ותלמידות, וכדרכו האט ער זיך אויך דא ארייגעלייגט אין די נייע ארבעט מיט פרישע כוחות, אהערצושטעלן דעם נייעם בנין מיט'ן פולסטן פראכט, פראקטיש און באקוועם עצהי"ט.

אייגענטליך איז שוין א לענגערע צייט וואס ס'גייען אן די העפטיגע צוגרייטונגען אויפ'ן באדן פונעם נייעם בנין. דערביי דארף באזונדער ארויסגעברענגט ווערן די געניטע ארבעט און פארשטאנד פון הרה"ח ר' אביגדור הכהן הי"ו, ווען מיט זיין ערפארונג און שטארק'ע מומחיות האט ער באוויזן בלויז אין די צוגרייטונג-פאזע איינצושפארן אן איבריגע איבער א מיליאן דאלאר, נאכדעם וואס מיט א צייט צוריק ווען מ'האט אויספרובירט און אונטערגעזוכט דעם באדן האט זיך ארויסגעשטעלט אז די פראפערטי איז

(פארזעצונג אויף זייט 32)

## בוי ארבעט ביים בנין החדש פון תלמוד תורה תו"י דרבי' מסאטמאר אין קרית יואל




דער בנין ווערט געבויעט ביים אריינגאנג צו קרית יואל, צווישן דעם "קרית יואל ביזנעס סענטער" און "שכונת ברך משה", אויף א נייעם ראוד וואס ווערט דארט אויסגעפלאסטערט ווערן







# ווילידזש און וואודבארי גייט ווייטער מיט געריכטליכע קלאגע קעגן 2 וואסער טענק פאר די עצי תמרים געגנט

## הירינג באשטימט אויף דעם קומענדיגן דינסטאג, ג׳ דחול המועד פסח

ווי שוין געמאלדן, האט דער ווילידזש און וואודבארי, אלס טייל פון זייערע ענדלאזע פרואוון צו שטערן דעם בליה און וואוקס פון קרית יואל אויף טריט און שריט מיט אלעם וואס מעגליך, אריינגעגעבן א פרעצעדענטלאזע קלאגע אין געריכט קעגן קרית יואל ווילידזש און ר׳ יחזקאל בראך.

די קלאגע איז אפיציעל באזירט אויף א געוויסן טעכנישן פראצעדור, מיט וואס זיי זוכן צו אנולירן דעם פארקויף פון די פראפערטי פאר קרית יואל. אבער זייער עכטער, נישט-באהאלטענער, ציל איז צו שטערן דעם באנוץ פון די צוויי גיגאנטישע וואסער טאנקען וועלכע געפינען זיך אויפ׳ן שפיץ בארג אויף די חברון גאס, און וואס אן זיי וועט גאנץ חברון; ראוונא; דער אשת חיל; און רוב טיילן פון עצי תמרים געגנט בלייבן אָן קיין וואסער, ווייל דער וואסער-דרוק וועט נישט ארויפגיין גענוג הויך אין די געגנט.

תלי״ת, האט דער ריכטער סלאָבאָד פארגאנגענעם יאר ארויסגעווארפן די קלאגע און געאורטיילט אז קרית יואל קען געהעריג נוצן די פראפערטי און די טאנקען דערויף.

אבער הרשעים כים נגרשו, און די וואודבארי ווילידזש איז געלאפן צום אפעלאט געריכט.

קומענדיגן דינסטאג חול המועד וועט פארקומען די הירינג אין געריכט, וואו קרית יואל וועט אראפגיין צו פארטיידיגן די רעכטן פאר די טויזנטער נפשות, און האפנטליך וועט דער אפעלאט אויך באשטעטיגן דעם פארקויף און באנוץ פון די טאנקען, לשמחת לב פון די הונדערטער משפחות תושבי השכונה און תושבי קרית יואל בכלל.

זעט פאטאסטאט פונעם פסק פונעם ריכטער



SUPREME COURT OF THE STATE OF NEW YORK
COUNTY OF ORANGE
-----------------------------------------X
VILLAGE OF WOODBURY,

Plaintiff,

-against-

ZIGMOND BRACH and VILLAGE OF KIRYAS JOEL,

Defendants.
-----------------------------------------X

Index No. 2112-2008
Motion Date: Jan.18, 2011
DECISION AND ORDER

SLOBOD, J.
The following papers were read on this motion by defendant Zigmond Brach (hereinafter "Brach") and this cross-motion by defendant Village of Kiryas Joel (hereinafter "KJ")for an order dismissing the complaint [CPLR 3211(a); CPLR 3212]:

| | |
|---|---|
| Notice of Motion-Affidavit-Affirmation | 1-3 |
| Notice of Cross-Motion-Affirmation-Exhibits A-B | 4-6 |
| Affirmation in Opposition-Exhibits A-E | 7-8 |
| Affirmation in Opposition-Exhibit A | 9-10 |
| Appendix | 11 |
| Reply Affirmation | 12 |
| Reply Affirmation | 13 |
| Memoranda of Law | 14-17 |

Upon the foregoing papers, it is hereby ORDERED the motion and cross-motion are granted; complaint dismissed.

Plaintiff brings this action for a declaratory judgment that a conveyance of real property from Brach to KJ was made illegally and is null and void. Plaintiff also seeks a mandatory injunction directing Brach to rescind his deed to KJ until he files for subdivision approval and files a subdivision plat with the County of Orange.

The parcel in question, which is within plaintiff's municipal borders, was deeded by Brach to KJ for the purposes of building a water tower thereon in order to provide potable water

to the citizens of KJ. It was a portion of Brach's lands and Brach took no steps to seek subdivision approval before the transfer.

On October 17, 2007, plaintiff and KJ entered into a stipulation whereby plaintiff's building inspector rescinded a stop work order which had been issued because of the lack of municipal approvals. In exchange, KJ agreed not to drill wells either at the site it now owned or on Brach's property. In the stipulation, plaintiff agreed that "the appropriate balancing of the public interests has occurred and will, therefore, have the stop work order lifted. Upon lifting of the stop work order the Village of Kiryas Joel will withdraw its ZBA appeal" (Agreement dated October 17, 2007, p.2). The parties further agreed that the term of the agreement was in perpetuity and that it should run so long as water towers remained on the property. The agreement was to be recorded in the office of the Orange County Clerk.

It is unclear why plaintiff maintained this action in light of the fact that it made this agreement with KJ, in effect, to waive the lack of subdivision approval. By agreeing that the "appropriate balancing of the public interests has occurred" (supra), plaintiff has conceded immunity to its neighboring municipality (see Matter of City of Rochester [County of Monroe], 72 NY2d 338 [1988]; see also Volunteer Fire Association of Tappan, Inc. v Town of Orangetown, 54 AD3d 850 [2008]; Board

of Fire Commissioners of Tappan Fire District v Planning Board of Town of Orangetown, 253 AD2d 875 [1998]). Plaintiff may not seek to affect KJ's real property rights indirectly by seeking an order of this court compelling Brach to rescind the deed.

Accordingly, the action is dismissed.

Settle judgment to the undersigned declaring the rights of the parties accordingly.

The foregoing constitutes the decision and order of the court.

Dated: February 9, 2011
Goshen, New York

E N T E R

Elaine Slobod

HON. ELAINE SLOBOD, J.S.C.

TO: BURKE MIELE & GOLDEN
Attorneys for Plaintiff
P.O. Box 216
Goshen, New York 10924

JACOBOWITZ & GUBITS
Attorneys for Defendant Village of Kiryas Joel
P.O. Box 367
Walden, New York 12586

JAMES G. SWEENEY, ESQ.
Attorney for Defendant Brach
P.O. Box 806
Goshen, New York 10924

די געריכט אורטייל פון ריכטער סלאָבאָד פארגאנגענעם יאר וואסווארפט ארויס די קלאגע קעגן קרית יואל און ערלויבט קרית יואל צו נוצן די פראפערטי און די טאנקען דערויף

עלטערן: זייט געווארנט!

# אראונדזש קאונטי עפענט "גאנזאגא פארק" אין די נאנטע טעג

## געפינט זיך הארט נעבן קרית יואל בשכינות פון די עצי תמרים געגנט




**דער טאוול וואס די קאונטי האט ארויפגעלייגט נעבן סעוון ספרינגס ראוד ביים אריינגאנג צום גאנזאגא פארק**

אין די זעלבע צייט וואס עס קומט די פרייליכע נייעס, אז דער לאנג ערווארטעטער "קינדער פארק" ווערט געעפנט בע"ה אין די קומענדיגע חדשים, ווי ברייט אויסגעשמועסט אויף אן אנדער ארט אין "הקריה", הערט מען גלייכצייטיג אויך די בשורה לא טובה אז דער "גאנזאגא פארק" וואס גרעניצט זיך מיט מאנראו, וואודבארי און בלומינג ראוו, עפענט זיך אין די נאנטע טעג, נאך לאנגע יארן פארשלעפעניש — און קעגן אלע פרואוון פון קרית יואל דאס אפצושטעלן.

היות עס איז ערווארטעט אז דאס קען ציען ח"ו געמיינע עלעמענטן פון די גאנצע אומגעגנט, דארפן עלטערן זיין גאר פארזיכטיג און אכט געבן, ווי אויך ווארענען, די קינדער, כקטון כגדול, אז קיין אידיש קינד האט נישט וואס צו זוכן אין די ערטער, וואו עס וואלגערן זיך סכנות ברוחניות ובגשמיות, ה' ירחם.

עס איז צו האפן, אז דער פארק וועט ח"ו נישט האבן קיין שום השפעה באיזה אופן שהיא, אויף די שכינות'דיגע קרית יואל.

# קרית יואל איינגעגעבן אנטווארט צום פעדעראל אפיעלס געריכט צו בארעכטיגן דער ווייטערדיגן עקזיסטענץ פונעם ווילידזש

## תושבי הקריי' קוקן ארויס אויף סייעתא דשמיא אז "לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי"

אין די ערב פסח טעג, ווען אידישע קינדער זענען פארנומען מיט די לעצטע הכנות צום געהויבענעם יום טוב, איז דער געניטער שטאב פון די ווילידזש אדוואקאטן געצווינגען געווארן זיך אפצוגעבן מיט פונקט דאס פארקערטע, און איינגעגעבן דעם לעגאלן ענטפער קעגן דעם אפעלאט פון די הולכים בערכאות, וועלכע דראפען זיך מיט די לעצטע כוחות אנצוכאפן אין זייער געמיינעם פרואוו אונטערצוברענגען די שטאט קרית יואל, פארלאנגענדיג אז דאס געריכט זאל יא אויסהערן זייערע קלאגעס פארוואס דער קרית יואל ווילידזש זאל ווערן אויפגעלעזט, היל"ת.

ס'איז א ביטערער ווייטאג אז אין דער צייט וואס אידישע קינדער פייערן דעם יו"ט ווען מיר זענען ארויסגעגאנגען מעבדות לחירות, און באפרייט געווארן פון די עבדי פרעה, איז קרית יואל געצווינגען זיך צו פארטיידיגן אין געריכט קעגן אזעלכע וועלכע זוכן צו צוברעכן דעם כח הקדושה פון די הייליגע שטאט, און דער שם ושארית וואס רביה"ק והטהור זי"ע האט אויפגעבויט מיט די אייגענע הענט, בערוב ימיו.

עס איז צו האפן נאך אלץ, אז די באטרעפנדע זאלן זיך סוף כל סוף עפענען די אויגן און חוזר זיין פון זייערע אומווערדיגע מעשים.

וילמדו תועים בינה.


# קרית יואל פלייש געשעפט

תחת השגחת הרה"ג הדומ"ץ שליט"א

51 Forest Road • Unit 214 • Monroe NY 10950 • 845-783-8334

בס"ד

# חול המועד סטאר שעה'ן

דער בוטשער וועט זיין אפען חוה"מ
אי"ה אין די פאלגנדע זמנים:

## מאנטאג ביז מיטוואך

פון 9:00 ביז 5:00
–אלע דעליווערים ווען זיין ווי געווענליך–

## דאנערשטאג ערב יו"ט

פון 8:00 ביז 3:00

בברכת חג כשר ושמח

קרית יואל בוטשער

# תושבי עירינו גרייטן זיך צו זעקסטע הילולא פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע

מיט התעוררות דקדושה גרייטן זיך תושבי עירינו צו די זעקסטע הילולא פון מרן רבינו הגה"ק בעל ברך משה זי"ע וואס געפאלט אויס גלייך נאכ'ן יום טוב פסח הבעל"ט, קומענדיגן מיטוואך פרשת שמיני (ב') כ"ו ניסן, ווען אלפי ישראל פון איבער דער גארער וועלט וועלן אי"ה באלאגערן די שטאט, קומענדיג שופך שיח זיין ביים ציון הק', און גלייכצייטיג מיטהאלטן די סעודת הילולא רבתי וואס וועט אפגעראכטן ווערן אין די אוונט שטונדן אין ביהמ"ד הגדול.

עס גלייבט זיך שווער אז שוין גאנצע זעקס יאר איז פאראיבער זינט יענעם מאנטאג מיטאג, יום המר כ"ו ניסן תשס"ו, וואס דער "לבן של ישראל" דאס הייליג הארץ פון רבי'ן זצ"ל האט געגעבן דאס לעצטע קלאפ, ונחשך המאור הגדול בפטירתו של רבי.

די פטירה פונעם רבי'ן זצ"ל איז געווען אן אבידת הכלל פאר אידן פון אומעטום, שלומי אמוני ישראל פון איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן זיך חוסה געווען בצילו הז"ך פונעם רבי'ן זצ"ל במשך די לעצטע ז"ך שנים לימי חייו הטהורים. במיוחד איז עס געווען אן אבידת הכלל פאר'ן גאנצן ציבור, עדת חסידי סאטמארער פון אומעטום, פאר ווען דער רבי זי"ע איז געווען דער אביהון ורבן, דער געטרייער רועה נאמן וועלכער האט יעדן געטראגן אויף זיינע פלייצעס, יעדן אינזינען געהאט און פאר יעדן משפיע געווען ממעיינו הטהור.

אבער במיוחד איז דער הסתלקות פון רבי'ן זי"ע געווען אן "אבל יחיד" פאר יעדן פון די תושבי עירינו. ביי די עלטערע אברכים און חשוב'ע בעלי בתים געדענקט זיך עס נאך גוט, און די היינטיגע אברכים, בחורי חמד און ילדי תשב"ר הערן דאס כסדר פון זיי, די שטארקע און גרעניצלאזע אהבה וחביבות וואס דער רבי זי"ע האט געהאט צו קרית יואל, וכמים פנים אל פנים, די אויסטערלישע הכנעה און התבטלות וואס תושבי קרית יואל האבן געהאט צום רבי'ן זי"ע.

אידן וואס האבן מיטגעהאלטן די טישן און דרשות פון רבי'ן זי"ע געדענקן ווי עס איז כמעט נישט דורך קיין געלעגנהייט וואס דער רבי זי"ע זאל נישט דערמאנען די שטאט קרית יואל מיט אזויפיל אהבה און חביבות. ווען נאר עס איז אים אויסגעקומען צו רעדן פון די פעולות צדיק לחיים וואס מרן דודו רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט אויפגעטון אויף דעם עולם, האט ער אלץ זיכער געמאכט ארויסצוברענגען דעם גולת הכותרת פונעם רבי'ן זי"ע'ס פעולות, דאס אויפבויען די שטאט קרית יואל, אויף וועלכן דער רבי זי"ע האט זיך אליינס אויסגעדרוקט דעם פלא'דיגן לשון: "ווען נישט קרית יואל ווייס איך נישט וואס איך האב אויפגעטון אויף דעם עולם".

מיט זיין אהבה וחביבות צו די שטאט קרית יואל, האט דער רבי זי"ע אלץ געזוכט צו וויילן וואס מער אין די שטאט. ווען נאר ער איז ארויסגעקומען אהער, האט מען געזען און געשפירט אז קרית יואל איז ממש משאת נפשו ולבבו. ווען ער איז קרית יואל איז ער ווי "אינדערהיים" ושם איוה למושב לו. דאהי אין קרית יואל איז דער רבי זי"ע געווען ארומגענומען מיט אן עדה חסיד'ישע אידן, יראים ושלמים וועלכע זענען געווען געטריי און איבערגעגעבן, און ביי יעדע געלעגנהייט וואס דער רבי זי"ע האט געוויילט אין די שטאט, איז עס געווען ווי ימי חג ושמחה פאר אלע תושבי עירינו.

דאס זעלבע איז געווען ווען תושבי עירינו האבן זיך מסתופף געווען בצילא קדישא אויף אנדערע מקומות, האט דער רבי זי"ע אלץ ארויסגעצייגט די גרעניצלאזע הערצה וחביבות פאר יעדן יחיד מתושבי עירינו. "א קרית יואל'ער איד" האט ביים רבי'ן זי"ע גענאסן א ספעציעלע התקרבות. ווי נאר מ'איז אריינגעקומען בקודש פנימה האט דער רבי זי"ע אויפגענומען יעדן איינעם מיט א ליכטיג פנים, מיט א שמייכל און צופרידנהייט: "אה, וואס הערט זיך עפעס ביי אונז אין קרית יואל?".

שטארקע כוחות האט דער רבי זי"ע אריינגעלייגט מחזק צו זיין די יסודות הקדושה פון די שטאט קרית יואל, וואס לכבוד דעם האט דער רבי זי"ע זיך מוסר נפש געווען, און ממנה געווען בנו יקירו וחביבו מרן רבינו הגה"ק שליט"א אלס מרא דאתרא פון די שטאט. אין די זעלבע צייט האט דער רבי זי"ע געהאלטן אן עינא פקיחא אויף יעדע דבר גדול וקטן אין די שטאט, און יעדע הרחבת גבולי הקדושה אין די שטאט אונטער די הדרכה פונעם רבי'ן שליט"א האט פאר'ן רבי'ן זי"ע צוגעגעבן א שטיק געזונט און חיות.

מיט א ספעציעלע הערצה האט דער רבי זי"ע מכבד געווען די ראשי ופני עירינו החשובים. מיט זיין גרעניצלאזע אהבה צו קרית יואל האט דער רבי זי"ע געזען אין די ראשי הקרי' די וועלכע זענען ממלא זייער תפקיד בשלימות, צו פארזיכערן אז די הייליגע הארעוואניע וואס מרן דודו רביה"ק זי"ע האט אריינגעלייגט, זאל האבן א ווייטערדיגן קיום און המשך, און זאל ח"ו נישט גיין לטמיון. ווען מאנכע האבן געוואלט זיך פארמעסטן אנצוזייען חורבנות אין די שטאט, און ארויסצוגיין קעגן דעם אויטאריטעט פונעם מרא דאתרא בפרט, און פון די ראשי העיר בכלל, האט דער רבי זי"ע לוחם געווען קעגן זיי בכל כוחו, און האט געטון כל מה שביכלתו זיכער צו מאכן אז קרית יואל ווערט ווייטער געפירט מיט א תורה'דיגע ערליכע הנהגה ווי עס איז געווען שאיפתו ורצונו פונעם מייסד הקרי' זי"ע.

ווען נאר די ראשי הקהלה, ווי הרבני הנגיד מו"ה אברהם ווידער הי"ו ראש העיר וראה"ק, הרבני הנגיד מו"ה מאיר הירש הי"ו חבר הנהלת המוסדות, הרבני הנגיד מו"ה דוד עקשטיין הי"ו ראה"ק, און אזוי אנדערע, זענען אריינגעקומען בקודש פנימה צום רבי'ן זי"ע, האט דער רבי זיי אויפגענומען מיט אזא סבר פנים יפות, מיט אזויפיל אהבה און הכרת הטוב, ווען פון צורת קדשו האט ארויסגעשיינט דעם אויסטערלישן חביבות וואס דער רבי זי"ע האט צו יעדן וואס העלפט צו צום עקזיסטענץ און ווייטערדיגן וואוקס און בליה פון די שטאט קרית יואל.

דאס אלעס איז טייל פון די טיף-איינגעבאקענע זכרונות וואס שווימט ביי יעדן אויף ווען מען גרייט זיך צו די זעקסטע הילולא פונעם רבי'ן זי"ע, וואס דער מרחק פון יארן און טעג וואס מ'איז שוין ליידער נישט זוכה נהנה צו זיין מאורו הבהיר, איז נישט אומשטאנד אויסצומעקן די נאסטאלגישע זכרונות מיט וואס יעדער ווערט פארפלייצט.

שטייענדיג שוין נאנט צו די הילולא קדישא, וועלכע געפאלט געציילטע טעג נאכ'ן יום טוב פסח הבעל"ט, זענען די עסקנים שוין פארנומען צוצוגרייטן די שטאט אז עס זאל זיין גרייט אויפצונעמען די מאסן אידן וועלכע זענען ערווארטעט ביומא דהילולא אין די שטאט.

עס איז זיכער אז מה כאן עמד ושימש, ווען דער רבי זי"ע האט בחיים חיותו ארויסגעצייגט אזא געוואלדיגע חביבות פאר אונזער הייליגע שטאט, וועט דער רבי זי"ע דארט בשמי מרום ווייטער זיין א מליץ יושר פאר די תושבי עירינו בכלל, ובפרט פאר די געטרייע חברי הנהלת העיר וועלכע זענען ממלא זיין שליחות מיט אזויפיל געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט, און פאר יעדן וואס לייגט צו א פלייצע פאר די שטאט קרית יואל, ובמיוחד וועט דער רבי זי"ע ווייטער צושטיין ליד ימין בנו ממלא מקומו וממשיך דרכו מרן רבינו הגה"ק שליט"א צו קענען פירן די עדה הקדושה על מי מנוחות עד ביאת הגואל בעגלא ובזמן קריב.

---

# פעדעראלער ריכטער שיקט צוריק וואודבערי זאונינג קעיס צום סטעיט געריכט

אין די טעג גרייטנדיג זיך צו גיין צום דרוק, קומט די גוטע נייעס אז דער פעדעראלער געריכט האט אפגעזאגט דעם פארלאנג פון ווילידזש אוו וואודבארי אינעם געפעכט צווישן קרית יואל און וואודבארי, און צוריקגעשיקט דעם קעיס צום סטעיט ענווייראמענטל געריכט, אז זיי זאלן אורטיילן אויף די קעיס.

ווי באקאנט איז דער קרית יואל ווילידזש געווען געצווינגען אלס לעצטע מיטל צו רופן אין געריכט די "ווילידזש אוו וואודבארי", נאכדעם וואס יענע האבן דורכגעפירט א רייע דיסקרימינירנדע זאונינג געזעצן, מיט'ן דירעקטן ציל אפצוהאלטן ח"ו דעם "כן ירבה וכן יפרוץ" פון די הייליגע שטאט קרית יואל און איר גאלאפירנדער וואוקס בליעה"ר. מער ספעציפיש, געצילט צו פארזיכערן אז קיין אידישער פוס באטרעט נישט 'חלילה' דעם באדן פון די וואודבארי.

נאך א לאנגע רייע פון מערערע פרואוון דורך שתדלנות און תחנונים ביי די ווילידזש אוו וואודבארי, סיי פון אפיציעלע קרית יואל באאמטע און סיי פון וועד הקריה וואס טוט אלעס פאר הרחבת גבולי הקדושה פאר'ן צוקונפטיגן געברויך, און אזוי אויך מערערע לאנד אייגנטימער אין די ווילידזש אוו וואודבארי, אז יענע זאלן אפשטעלן די רשעות'דיגע גזירות, וואס איז ליידער געפאלן אויף טויבע אויערן, האט מען בלית ברירה געמוזט נעמען דעם לעצטן מיטל און רופן די ווילידזש אוו וואודבארי אין געריכט פאר זייערע דיסקרימינירנדע פראקטיקן, וועלכע זענען נישט אויסגעהאלטן סיי דורכ'ן סטעיט געזעץ און סיי דורכ'ן פעדעראלן געזעץ פון דעם מלכות של חסד אין די פאראייניגטע שטאטן.

ביים אנקומען אין געריכט האט די טאון זיך ארומגעזען אז דער קעיס איז אנגעקומען צו אן אויפריכטיגן ריכטער, וועלכער איז נישט באאיינפלוסט פון די אומאויפהערליכע העצעריי וואס קומט פאר אין די גאנצע אומגעגנט שוין זינט די גרינדונג פון די הייליגע שטאט קרית יואל, און איז גרייט צו אורטיילן יושר'דיג לויט די געזעצליכע פאקטן, און זייערע אומבארעכטיגטע שריט - פון אויסנוצן די מאכט וואס איז זיי צוגעטיילט געווארן דורך די סטעיט רעגולאציעס,

(פארזעצונג אויף זייט 19)

---

**RABBI G. BERKOWITZ**
**39 SATMAR DR. #201**
**MONROE, NY 10950**
**845-783-8715-8**

שלום אליקים
**געציל בערקאוויטש**
דומ"ץ קרית יואל יצ"ו

בעזהשי"ת

הנה מקרא מלא כתיב "ונשמרתם מאוד לנפשותיכם", ומחויב כל אחד אשר בשם ישראל יכונה, להשתדל בכל מה דאפשר להציל את נפשותינו ונפש צאצאינו מכל סכנה, ולהסיר מעלינו כל הגרמים והדרכים המובילים לידי סכנה.

וכבר שמענו בעבר ועכשיו ביותר, מראשי "חברת הצלה" המוסרים נפשם להצלת ישראל, שא' מן הכלים המסוכנים ביותר המצוי מאוד בתוככי עירינו, הוא הכלי רכב הנקרא "סקוטער", שדין גרמא שבעוה"ר להרבה הזיקות ילדי ישראל בדמים תרתי משמע, ולפעמים שהגיע עד כדי פיקוח נפשות יקרות ר"ל. וכן שאר הכלי רכב הקטנים והגדולים (ביגווי"ל/שיפטע"ר וכדו') יכולים להשתנות לכלי מסוכן, אם משתמשים בזה מבלי מגן ושריון (העלמע"ט) להגן על הראש, שאם יפול הנופל לא יוזק בראשו ה"י.

**והיות כי בעוה"ר אירע אסון נורא בעירנו ה"י, שנעשה ע"י השתמשות בכלי מסוכן הנ"ל, לכן באתי בזה להזהיר באזהרה חמורה מכל תושבי העיר, שעל פי דעת תורתינו הק' החוב מוטל על ההורים להשגיח בכל תוקף ועוז שבל יהין שום ילד להשתמש ב"סקוטער" בשום פנים ואופן** (אפילו עם העלמע"ט)**, וכן שאר הכלי רכב הרגילים אסור להשתמש בזה מבלי שילבש עליו מגן ושריון** (העלמע"ט בלע"ז) **המחויב גם מטעם חוק המדינה, כדי להגן מכל צרה וצוקה.**

והשי"ת ישמור צאתינו ובואינו לחיים ולשלום מעתה ועד עולם, וינצלו כל נפשות עמו בית ישראל מכל פגעי הזמן ומכל עקתין בישין, ובמהרה נזכה בעגלא ובזמן קריב לביאת משיח צדקינו בב"א.

וע"ז באעה"ח כ"ד ניסן תש"ע לפ"ק, פה קרית יואל יצ"ו

**אין ליכט פון דעם בעפארשטייענדן זומער טוען מיר ווידער מפרסם זיין דעם דעת תורה פון הגאון הגדול דומ"ץ דמתא שליט"א בנוגע די שעדליכקייט פון די סכנה'דיגע סקוטערס**
**אכטונג עלטערן! איידער איר קויפט דעם אפיקומן פאר אייער קינד מאכט זיכער דורכצולייענען דעם פסק הלכה פונעם דיין שליט"א**

# פערמיט פראצעדור פון גיגאנטישן סיטי פייפליין פראיעקט רוקט זיך פאראויס

**ליגט יעצט אויפ'ן טיש ביי קאונטי און סטעיט העלט דעפארטמענט - ארבעט קען זיך מעגליך אנהייבן אזוי פרי ווי נאך דעם זומער - תושבי קרית יואל קוקן ארויס מיט פרייד און האפענונג אויף סייעתא דשמיא און הצלחה פון די לאנגיעריגע באמיאונגען**

ס'איז איבריג צו דערציילן נאכאמאל פאר תושבי קרית יואל איבער די אומאויפהערליכע באמיאונגען פון די ווילידזש באאמטע צו באווייזן דורכצופירן די קאלאסאלע אונטערנעמונג פון אהערשטעלן דעם לאנג ערווארטעטן "פייפליין", וואס וועט בעז"ה ענדגילטיג לעזן דעם כראנישן וואסער מאנגל אין וואס קרית יואל געפינט זיך כסדר, אדאנק איר אומגעהויערן וואוקס בלעה"ר [זעט אויף אנדערן ארט אין די אויסגאבע וועגן דעם וואסער מאנגל פון די איצטיגע ערב-פסח און זומער סעזאן].

וואס איז יא אינטערעסאנט צו דערציילן איז די נייעס אז דער פראיעקט רוקט זיך פאראויס מיט'ן גאנצן אייפער, א דאנק די פענאמענאלע כוחות וואס די ווילידזש באאמטע לייגן אריין אז דער פראיעקט זאל אויסגעפירט ווערן מכח אל הפועל.

ווי עס איז שוין געמאלדן געווארן אין פריערדיגע אויסגאבעס, האט דער ווילידזש באשלאסן זיך מאמענטאל צו פארלייגן בעיקר צו ענדיגן די ערשטע פאזע, וואס וועט בויען דעם פייפליין צווישן קרית יואל און קארנוואל, א וועג פון קנאפע 6.5 מייל, וואס מיט א קאר דארף עס צו נעמען בערך 20 מינוט אנצוקומען אהין, אבער מיט א פייפליין... איז שוין גאר אן אנדערע מעשה.

די סיבה פארוואס מ'וויל קודם דאס דורכפירן, איז וויבאלד כדי צו קענען באשטעטיגט ווערן זיך אנצושליסן אין די ריזיגע וואסער רעזערווארן פון ניו יארק סיטי - דער ענדגילטיגער ציל פונעם פייפליין - איז דער ווילידזש געזעצליך פארפליכטעט צוצושטעלן א "בעק-אפ" קוואל, פון וואו זיי וועלן קענען נעמען וואסער אין פאל מ'קען נישט נעמען וואסער פון די רעזערווארן פאר סיי וועלכע סיבה.

מיט א געוואלדיגע סייעתא דשמיא, און בזכותו של אותו זקן רביה"ק זי"ע דער מייסד הקריה, האט דער ווילידזש באוויזן צו טרעפן און אפקויפן א געבענטשטע ערד מיט גאר מעכטיגע קוועלער אין קארנוואל, פון וואו מען קען ארויספאמפן אזויפיל ווי 1,600,000 גאלאן וואסער א טאג! - נאכאמאל אזויפיל וויפיל עס איז דער היינטיגער וואסער באנוץ אין א געווענליכע טאג - און דאס געפינט זיך הארט אינמיטן וועג וואו דער פייפליין דארף דורכגיין, אזוי אז דאס איז גענוג צו דינען אלס דער פארלאנגטער עמערדזשענסי בעק-אפ.

גלייכצייטיג איז מען געקומען דערויף, אז אינצווישן, ווי לאנג מ'גייט אדורך די לאנג פארצויגענע ביוראקראטישע פראצעדורן צו באשטעטיגט ווערן פון די סיטי צו נעמען וואסער פון די רעזערווארן אין ניו ווינדסאר - א שטרעקע פון 13 מייל ביז קרית יואל - און די קאמפליצירטע ארבעט פון די קאנעקשן צום סיטי עקוואדאקט זעלבסט, קען מען שוין אנהייבן בויען דעם פייפליין, די ערשטע 6 מייל ביז קארנוואל, אז אין פאל פון עמערדזשענסי זאל מען "שוין" קענען אנהייבן צו נוצן די מעכטיגע קוועלער, וואס דער אויבערשטער האט צוגעפירט פאר קרית יואל אין די נישט ווייטע קארנוואל.

נאכדעם וואס מען איז ב"ה פטור געווארן פון די אומזיניגע געריכטליכע קלאגעס וואס דער פייפליין איז אויסגעשטאנען דורך קרית יואל'ס דרויסנדיגע פיינט, האט מען זיך ענדליך געקענט נעמען צום פראצעדור פון אנהייבן אהערשטעלן דעם לאנג ערווארטעטן פייפליין, און אזוי לעזן זאפארט דעם וואסער מאנגל אין קרית יואל דורך אנהייבן שעפן וואסער פונעם קארנוואל קוואל - קודם פון איין קוואל וואס קען ארויסגעבן ביז 600,000 גאלאן וואסער א טאג - וויינינגסטנס ביז צו די קרעטשמע [לייען: רעזערווארן]...

פארשטייט זיך אליין אז דאס איז אויך נישט קיין ארבעט וואס גייט אין איין מינוט. די נאטורליך-פארצויגענע רעגירונג'ס ביוראקראטיע דערשרעקט זיך גאנץ ווייניג פונעם פאקט אז קרית יואל'ס טויזנטער קינדערלעך און צענדליגער טויזנטער נפשות בליעה"ר דארפן האבן וואס צו טרינקען. 'דארט' שלעפט זיך אלעס אויפ'ן געווענליכן פאמעליכן ריטם, און די ווילידזש באאמטע דארפן כסדר "רוקן בערג" צו קענען אנהייבן גראבן אין די בערג און טאלן וועלכע מ'דארף דורכגיין ביז'ן קענען ברענגען די נויטיגע וואסער צו אייך אהיים.

יעצט פאר פסח איז געקומען די גוטע בשורה אז די סטעיט'ס העלט דעפארטמענט איז ארויסגעגאנגען גאר צופרידן פון די גוטע און העכסט פראפעסיאנאלע ארבעט וואס איז צוגעשטעלט געווארן דורך די ווילידזש'ס געדינגענע אינזשעניר פון די בארימטע CDM פירמע, און זיי גרייטן זיך צו באשטעטיגן אז מ'קען נוצן די קארנוואל קוועלער, וואס פון די ערשטע שריט איידער מ'קען אנהייבן גראבן דעם פייפליין, איז ווי פארשטענדליך דאס אויפווייזן אז מ'גייט טאקע קענען לעגאל נוצן דעם קוואל וואו דער פייפליין ברויך אנקומען.

דער קומענדיגער שריט איז צו באקומען די זעלבע באשטעטיגונג פון די קאונטי'ס אייגענע העלט דעפארטמענט, וועלכע האט אליין אריינגעגעבן א לאנגע רייע פראגעס וועלכע ווערן אין די איצטיגע טעג געענטפערט דורך די אויבנדערמאנטע געניטע אינזשענירן פירמע. אויסער די פראגעס אויפ'ן קוואל, דארף מען אויך ערקלערן פאר די קאונטי דעם גאנצן פראצעדור פונעם גראבן, וואו מ'גייט אלץ דורכגיין, וואספארא טראפיק און געזונטהייט אישוס עס רירט אלס אן, און וויאזוי מ'וועט זיך ספראווען דערמיט.

באזונדער דארף מען באקומען די באשטעטיגונג פון די DEC, ניו יארק'ס ענווייראנמענטאלע דעפארטמענט, וועלכע דארף באשטעטיגן יעדע גרעסערע בוי אונטערנעמונג, דערצו ווען ס'איז די רעדע פון אזא פארצווייגטער און ריזיגער פראיעקט און גייט דורך פארשידענע שטחים.

לויט די פלענער האפט מען אין די קומענדיגע וואכן צו קריגן די אלע אויבנדערמאנטע פערמיטן פון

(פארזעצונג אויף זייט 35)

# הערליכע מסיבת הכרת הטוב פארגעקומען פאר וואלונטירן און פאמיליעס פון "חברה הצלה דקרית יואל"

קרית יואל. - פארגאנגענעם זונטאג פר' ויקרא איז פארגעקומען א הערליכע און גייסטרייכע מסיבת הכרת הטוב, וואו מען האט צוזאמגערופן די געטרייע און איבערגעגעבענע מעמבערס פון די חברה הצלה אינאיינעם מיט זייערע פאמיליעס, ארויסצוצייגן די שטארקע דאנקבארקייט וואס יעדער שפירט פאר די וואלונטירן און ספעציפיש פאר זייערע פאמיליעס וועלכע געבן זיך אזוי אוועק און האבן אן אייניגע ראלע אין די כסדר'דיגע הצלת נפשות, דורכדעם וואס זיי ארבעטן שווערער אינדערהיים, אז די מעמבערס זאלן קענען 'לויפן' סיי וועלכע צייט פון טאג.

די מסיבת הכרת הטוב איז א זאך וואס גייט שוין אן עטליכע יאר און טאקע די חברה הצלה האט דאס אנגעהויבן און פילע ארגאניזאציעס אין קרית יואל און איבעראל טוען דאס שוין נאכמאכן, גענוי ווי די חברה הצלה ארגאניזאציע איז דער מוסטער אוןביישפיל פאר פילע אנדערע פראיעקטן און חסד אפעראציעס אין אלע הינזיכטן ביי כלל ישראל.

די היי-יאריגע מסיבה איז פארגעקומען אינעם זאל פון בית רחל פאראדייס, וואו עס איז געווען צוגעגרייט א הערליכער נאכטמאל, א רייכע מעניו און א געשמאקע ברידערליכע אטמאספערע, בשבת אחים גם יחד. רייכע אינהאלטספולע רעדעס זענען געהערט געווארן, פון וועלכע די מעמבערס און זייערע פאמיליעס האבן געשעפט היפענעס חיזוק, מיט כוחות אויף צו קענען ווייטער אנגיין מיט די הייליגע ארבעט.

געעפנט דער אוונט האט דער יושב ראש און טשעירמאן הר"ר אלעזר גרובער הי"ו, וואס ער אליינס דינט אויך אלס איבערגעגעבענער קאארדינעיטאר פאר די חברה הצלה און געבט זיך איבער יומם ולילה פאר די ארגאניזאציע, צו העלפן חולי ישראל מיט וואס נאר מעגליך. מיט זיינע באקאנטע געשמאקע ווערטלעך האט ר' אלעזר אונטערגעהאלטן דעם עולם און אריינגעברענגט א גוטע שטימונג ביי די פארזאמלטע. ר' אלעזר האט ארומגערעדט פון די שטארקע אחדות און צוזאמארבעט וואס מען זעהט צווישן די פילע וואלונטירן און מעמבערס, וועלכע איז איינס אין דער וועלט און העלפט פאר די הצלחה פון די ארגאניזאציע, אז מען זאל קענען ארויסהעלפן די תושבים אין שטעטל מיט וויכטיגע הילף.

ר' אלעזר האט ארויסגעברענגט וויאזוי חברה הצלה דינט טאקע אלס עקזעמפלאר פאר אלע אנדערע חברה הצלה ארגאניזאציעס איבער גרעיטער ניו יארק, און ספעציפיש האט ער ארומגערעדט איבער די נייע איינגעטיילטע "נאכט שיפט", וואס מען האט איינגעטיילט אז כדי גרינגער צו מאכן פאר די קאארדינירונג פון די הצלה, האט מען איינגעטיילט די נאכט אין צווייען, אז פון 11:00 אויפדערנאכט ביז אום 3:00 אזייגער זענען געשטעלט עטליכע מעמבערס וועלכע וועלן לויפן צו די קאלס און די צווייטע האלבע נאכט זענען דא באזונדערע מעמבערס.

דערווייל האבן די מעמבערס פארברענגט אין א גאר געשמאקע און ווארימע אטמאספערע. דער נאכטמאל איז געווען הערליך אהערגעשטעלט און עס איז געווען א גוטע געלעגנהייט פאר די מעמבערס און זייערע משפחות, זיך אביסל אפצורוען און זעהן ווי שטארק מען איז מכיר טובה זייער איבערגעגעבנקייט און געטריישאפט פאר די ארגאניזאציע. די ארקעסטרע, אונטער פירערשאפט פונעם טאלאנטפולן מו"ה ליפא פעלדמאן הי"ו, האט משמח געווען די פארזאמלטע און אריינגעברענגט א פריילעכע שטימונג.

דאן האט אויפגעטרעטן מו"ה יעקב גליק הי"ו, וועלכער איז אויך א באקאנטער קאארדינעיטאר פון די חברה הצלה, און ער האט אויסגערופן און באערט צוויי גאר חשוב'ע מעמבערס, וועלכע זענען ארויפגעקומען און אפגענומען הערליכע אנערקענונג "פלעגס" פאר זייערע שווערע ארבעט און איבערגעגעבנקייט.

דער ערשטער איז ארויפגערופן געווארן העסקן החשוב ומנהל "חברים דקרית יואל" מו"ה אליעזר דוד איצקאוויטש הי"ו, וועלכער איז באערט געווארן פאר זיין געטריישאפט אין זיכער מאכן אז די ניי-איינגעפירטע "נאכט שיפט" גייט אן ווי געהעריג.

דער צווייטער האט מען ארויפגערופן העסקן החשוב מו"ה אהרן זאב פאלאטשעק הי"ו, וועלכער איז אויך א קאארדינעיטאר פון די חברה הצלה, און ער איז באערט געווארן פארן שטיין אין שפיץ פון די "דיספעטשינג סיסטעם", וועלכע איז א גאר קאמפליצירטע און שווערע ארבעט און מען דארף זיכער מאכן אז יעדע רוף גייט אדורך און ווערט געענטפערט.

דער הויכפונקט פונעם נאכט איז

(פארזעצונג אויף זייט 35)





"הקריה"

HAKIRYAH

3 Chevron Rd. #3A

Monroe, NY 10950

**Fax:** 845-774-7945

**Email:** hakiryah@gmail.com

**ארייַנצושיקן בריוו צו די רעדאקציע, ווי אויך פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן וויאזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע, ביטע שיקט אריין אויף דעם אויבנדערמאנטן אדרעסס. אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג.**

Not responsible for typographical errors or opinions expressed by the writers or advertisers. No part of this publication may be reproduced in any form without written consent of the publisher.

**אין ליכט פון לעצט געשאפענעם וואסער מאנגל:**

# תושבי קרית יואל זענען מתפלל און קוקן ארויס אויף "גשמי ברכה"

**רעקארד-ווארימער ווינטער מיט ווייניג שניי פירט צו ליידיגע וואסער רעזערווארן - ווילידזש וואסער דעפארטמענט ארבעט אומאויפהערליך צו פארזיכערן אנגייענדע וואסער סופליי אין די קריטישע טעג בעפאר פסח - פארשידענע גאר קאסטבארע אונטערנעמונגען אויף עקזיסטירנדע קוועלער אנגעהויבן צום בעפארשטייענדן זומער סעזאן**

החודש אשר רְבִיבִים בּוֹ מְרִיקִים
חַשְׁרַת מַיִם לְמַלְאוֹת רֵיקִים
(מוסף לפרשת החודש)

במשך די פארלאפענע וואכן, ווען גאנץ כלל ישראל האט זיך פיבערהאפטיג געגרייט צו די אנקומענדע געהויבענע פסח טעג, איז מען אין די ווילידזש וואסער דעפארטמענט געזיצן מיט אנגסט און געהאלטן א פארזיכטיג אויג, שעה נאך שעה, אויפ'ן וואסער שטאפל ארום די שטאט קרית יואל, אז עס זאל קלעקן פאר די אומאויפהערליכע הכנות צום בעפארשטייענדן יום טוב פסח.

יא, ווען איר זענט געלאפן מיט'ן שאפינג בעג אויף די הוט צוליב דעם פלייץ רעגן, א גארבידזש בעג ארויפגעצויגן אויף די שאכטלעך מצה, און קוים ארויסגעקוקט אז דער רעגן זאל זיך ענדיגן, דאס איז געווען די איינציגע צייט ווען מען האט אין וואסער דעפארטמענט עטוואס אפגעאטעמט, ארויסקוקנדיג מיט האפענונג צו השי"ת אז עס זאל רעגענען גענוג לאנג אז מ'זאל האבן כאטש גענוג וואסער פאר די קומענדיגע וואכן נאך יו"ט.

און דוקא ווען איר האט שפאצירט רואיג צו גיין איינקויפן די יום טוב געברויכן, דאנקענדיג השי"ת פאר דעם הערליכן אנגענעמען וועטער, האט מען גלייכצייטיג געארבעט אינעם וואסער דעפארטמענט מיט אומגעהויערער פלייס צו פארזיכערן אז די וואסער

(פארזעצונג אויף זייט 19)



**די טאנקיר טראקס אויסגע'שורה'ט אין די רייע צו שטילן די דארשט פון די טויזנטער איינוואוינער**

# שטאט קרית יואל הערליך אויפגערייניגט און אהערגעשטעלט פאר יום טוב פסח

מען האלט שוין טיף אינעם יום טוב פסח, און תושבי קרית יואל האבן שטארק הנאה געהאט פון די וואונדערבארע ארבעט וואס די ווילידזש האט אהערגעשטעלט אפצורייניגן די שטאט פאר דעם יום טוב פסח, און אהערשטעלן די שטאט ריין ציכטיג און פינקלדיג לכבוד דעם הייליגן יום טוב פסח. מען שפאצירט אין די גאסן דורכאויס דעם יום טוב מיט די פאמיליע, און עס איז א געשמאק און אן עונג יום טוב צו גיין אין די גאסן, מען זעט נישט קיין ברעקעלע שמוץ, קיין שיריים פון "באלק" פיק-אפ, קיין איבערגעפילטע מיסט קאנטעינארס פון די ערב פסח טעג, עס איז איבעראל ציכטיג און ריין.

די תושבי קרית יואל דרוקן אויס א הארציגן יישר כוח פאר די ווילידזש פירערשאפט און אויך די געטרייע ארבייטער אינעם ווילידזש סאניטאציע דעפארטמענט און אינעם ווילידזש פאבליק ווארקס דעפארטמענט.

ווי מען פארשטייט פאסירט דאס נישט פון זיך אליינס, דאס אהערצושטעלן האט געפאדערט וואכן לאנגע פון פלאנירונגען און שווערע ארבעט.

שוין וואכן בעפאר פסח איז מען אין די קארידארן פונעם ווילידזש געזיצן און געפלאנט דעם רייניגונגס אקציע אויף יום טוב אז די שטאט זאל זיין גלאנצענדיג ריין לכבוד יום טוב. מען האט אויך אויפגענומען א פארגרעסערטן שטאב דאס דורכצופירן.

אינעם סאניטאציע דעפארטמענט אנגעפירט דורך מו"ה יושע בלומענטאל הי"ו האט מען אין די וואכן בעפאר פסח אויפגענומען פיר פרישע ארבייטער און מען האט ארייַנגעשטעלט נאך א פערטן טראק אין באניץ, כדי מען זאל קענען יעדן טאג ארויסטראגן דאס גאנצע מיסט פונעם שטאט און איבערלאזן די שטאט ריין. דאס האט געמיינט אז די מיסט קאנטעינארס זענען טעגליך אויסגעליידיגט געווארן און אזוי האט זיך נישט אנגעזאמעלט קיין בערג מיט מיסט טראצדעם וואס בעפאר פסח טראגט מען ארויס פון די שטאט מיט צענדליגער טאנען מיסט מער ווי געווענליך.

באזונדער האט מען שווער געארבעט אויפ'ן "באלק" פיק-אפ, מען האט דורכגעפירט מערערע רייזעס מיט די "באלק" פיק-אפ טראקס אוועקצונעמען אלע "באלק" פיק-אפ מיסט אזוי אז עס איז גארנישט געבליבן אויף די גאסן און די גאסן זענען הערליך ריין.

אגב: דאס איז אן עקסטערן בענעפיט וואס מען האט דא אין שטאט קרית יואל אז מען שטעלט צו אן אומזיסטיגן "באלק" פיק-אפ רייניגונג צוויי מאל א יאר. אין סתם גויאישע מוניציפאליטעטן טוט מען דאס נאר איינמאל א יאר.

א באזונדערע הערליכע ארבעט איז אראפגעלייגט געווארן דורכ'ן ווילידזש פאבליק ווארקס דעפארטמענט אונטער'ן געניטן אנפירערשאפט פון מו"ה זלמן לייב שטערן הי"ו. די דעפארטמענט האלט אויף א שטאב מיט גויים וועלכע דרייען זיך טעגליך ארום אין שטאט אויף באשטימטע רוטס מיט מיסט קאנעס און רוימערייַ כלים און הייבן אויף יעדעס ברעקל שמוץ פון די גאסן.

יעצט לכבוד פסח האט מען פארגרעסערט דעם שטאב און אויפגענומען נאך ארבייטער און זיכער געמאכט אז אלע שמוץ ווערט אויפגעהויבן אין שטאט, און אלע פאבליק פלעצער וואו די באס בודקעס, ווילידזש פארקינג לאטס אד"ג ווערן גערייניגט, און די שטאט איז הערליך ריין לכבוד יום טוב. אויך האט מען ערב פסח נאכמיטאג שווער געארבעט אוועקצורוימען די אש און שמוץ פון די שריפת חמץ פייערן, אזוי אז די שטאט איז געווען זויבער לכבוד יום טוב.

בלייבט נאר איבער פאר אונז קרית יואל איינוואוינער צו זאגן איין ווארט: א הארציגן יישר כוח פאר די הערליכע ארבעט, מיר שעצן דאס.



די גאסן אין קרית יואל ציכטיג זויבער לכבוד פסח

# א שפאציר אין "קור-ארט"...

איי... זכרונות... כמעט-פארגעסענע געשעענישן זענען לעצטנס כמעט-פערצופאל ארויפגעשווימען אין זכרון.

געווען איז עס איינס פון די ערשטע יארן וואס אונזער הייליגע שטאט קרית יואל איז נתייסד געווארן, נאך בחיים חיותו פונעם גרויסן מייסד מרן רביה"ק והטהור זי"ע. דער דאן-נייער "שטעטל" איז געווען דאס געשפרעךביים ציבור סיי ווען אימער. כסדר האט מען געלעבט דערמיט, ובפרט ווען איינער פון די ערשטע תושבים איז גאר געווען דער רבי זי"ע זעלבסט, וואס האט אויטאמאטיש צוגעברענגט אז מאסן אידן זענען כסדר ארויסגעקומען קיין קרית יואל, זיך פראווען ביים רבי'ן זי"ע און מיטצוהאלטן די הייליגע תפלות און טישן.

אלענפאלס, אין איינע פון יענע יארן, ביים שולחן הטהור פון רבי'ן זי"ע ביום שושן פורים, האט דער בארימטער "פורים רב" הרה"ח ר' נתאנ'לע פארקאש ז"ל אויפגעטרעטן מיט ווערטלעך, און צווישן אנדערן האט ער אויפ'ן פרייליכן אופן אראפגעלייגט די שטאט קרית יואל. אין יענע יארן פלעגט דער רבי זי"ע זיך נאך פיל אויפהאלטן איבער'ן יאר אויף פארשידענע מקומות. אויף די ימים טובים און אנדערע צייטן פלעגט דער רבי זי"ע ווײַלן אין וויליאמסבורג. עטליכע חדשים איבער'ן יאר האט דער רבי זי"ע געוויילט אין בעל-הארבער, אנדערע חדשים פלעגט ער ווײַלן אויף אפרוה אין פלארידע און די איבעריגע חדשים אין קרית יואל.

האט ר' נתנאל'ע ערוועגט אז אייגנטליך איז "קרית יואל" בלול מכולם. אין צענטער פון קרית יואל געפינט זיך דער גרויסער "לעיק" אלס אנדענק פון "פלארידע". ביי די זייט לויפט דורך דער גרויסער "רוט 17" וואס ווען מ'געט עס א שמעק דערמאנט מען זיך פון... וויליאמסבורג, און דעם רבי'נס פריוואטע דירה אויף בעיקערטאון רד. דערמאנט דעם ישוב בעל-הארבער, און די שטילע געסלעך זענען ווי א קייט פון שפאציר וועגן.

בערך דאס האט ר' נתנאל'ע דאן געזאגט, און לעצטנס איז עס ווי פון אונטער'ן-באוואוסטזיין צוריק ערשינען אין זכרון, הערנדיג איבער די גראנדיעזע פלענער פון דעם נייעם קור-ארט "רוח החיים" וועלכע וועט גאנץ בקרוב שוין שטיין אין באנוץ פאר אונזער היימישער ציבור תושבי קרית יואל.

עפעס האט דער נייער "פארק" דערמאנט פון יענעם ווערטל, פון די צייט ווען קרית יואל האט געהאט א שטיקל אויסזען ווי אן אפרוה-פלאץ, א קליין שטיל פלאץ, וואו מ'לעבט צוזאמען, מ'פארברענגט אינאיינעם, און יעדער לעבט ווי איין גרויסע משפחה.

קרית יואל איז אין יענע יארן געווען א שטיקל דוגמה פון די בארימטע "קור-ערטער" וואו עס פלעגן קומען צו פארן בארימטע רבנים, גרויסע רבי'ס, געווייקטע חסידים צוזאמען מיט בני עלי' ולידם פשוטי עם, וועלכע האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט זיך אויסצורוען פונעם געווענליכן הו-הא, פונעם לויפענדן גערויש צו וואס מ'איז צוגעוואוינט א גאנץ יאר, און מ'האט זיך אנגעשעפט פרישע כוחות צו קענען ווייטער אנגיין מיט'ן טאג-טעגליכן לעבן.

אין די היינטיגע מאדערנע וועלט איז איינגעפירט, אז ווען מ'זוכט אינפארמאציע אויף סיי וועלכע זאך, דארף מען בלויז ארייַנלייגן איין ווארט און דער קאמפיוטער שפייט ארויס צענדליגער שטיקלעך אינפארמאציע פון דעם זעלבן ענין.

אז מ'לייגט אריין אינעם אידישן מח די ווערטער "קור-ארט" ווערט מען באלד פארפלייצט מיט אומצאליגע זכרונות און אנעקדאקטן פון אזעלכע שטעט

(פארזעצונג אויף זייט 11)

# צוגרייטונגען צום 10'טן זומער אין "מחנה בית רחל" אין פולסטן שוואונג

**נייע כוחות אויפגענומען צו שטיין אין שפיץ פונעם היי-יעריגן רייכן זומער סעזאן בעז"ה - פרישע פראגראמען צוצושטעלן דאס בעסטע התעלות און שטייגונג פאר די קינדער - פארשידענע רענאוואציעס צו מאכן גרינגער, שענער און באקוועמער פאר די תלמידות**

מחנה בית רחל סאוט-פאלסבורג נ.י. - אין די צייט וואס דער ווארעמער זון האט אונז נארוואס איינגעמאלדן אז עס איז שוין אנגעקומען דער זומער, גייט אבער שוין לאנג אן די העפטיגע ארבעט אינעם "מחנה בית רחל", צוצוגרייטן דעם ריזיגן קעמפ אז זי זאל גרייט זיין אויפצונעמען די טויזענטער תלמידות בליעה"ר וואס וועלן דארט וויילן במשך דעם קומענדיגן זומער הבעל"ט, דער צענטער זומער בליע"ה וואס דער קעמפ איז אפן פאר די תלמידות פון בית רחל.

זינט דער "מחנה בית רחל" האט געעפנט אירע טויערן מיט 9 יאר צוריק אין יאר תשס"ג, האט זי זיך בעז"ה איינגעשאפן אזא ערליכן קלונגענדיגן נאמען בליעה"ר, אז זי ווערט היינט צוטאגס באטראכט ווי די "מאמע פון די קעמפס", 'רבות בנות עשו חיל ואת עלית על כולנה' אין פולן זין פון ווארט.

די מאקסימאלסטע הצלחה וואס האט זיך אנגעזען גלייך ביים ערשטן יאר, דאס איז קלאר געווען סייעתא דשמיא, די אומבאשרייבליכע סוקסעס, די צופרידנהייט אין וואס די תלמידות האבן זיך געפונען, די וואונדערבארע פונקטליכקייט, די ערליכקייט, זויבערקייט, רייכקייט, און שיינקייט, דאס אלעס איז געווען עפעס אויסערגעוועגליך, עפעס יוצא מן הכלל.

די תלמידות וואס זענען אין די פארגאנגענע 9 יאר געווען אינעם קעמפ, הערן נישט אויף צו רעדן מיט נאסטאלגיע פון די געהויבענע גייסטרייכע און אנגענעמע זומער חדשים ווען מען האט פארברענגט אינעם קעמפ, און יעדן זומער ווי נאר די רעגיסטראציע אפיס ווערט געעפענט, ווערט זי פארפלייצט פון די געוואלדיגע צאל אפליקאציעס וואס שטראמען אריין טאג טעגליך פון תלמידות פון אלע סאטמארע שולעס איבער ניו יארק.

עס פארשטייט יעדער, אז די הצלחה אינעם עבר איז נישט געקומען פון זיך אליין, נאך דאס איז צו פארדאנקען די געוואלדיגע ארבעט וואס איז אין דעם קעמפ אריינגעלייגט געווארן סיי אינעם ערשטן יאר איידער דער קעמפ איז צום ערשטן מאל געעפנט געווארן, און סיי אין די נאכפאלגנדע יארן, ווען יעדעס יאר עטליכע וואכן בעפאר זומער האט זיך געטון דארט א העפטיגע ווירטשאפט, ווען א גאנצע שטאב פון עסקנים, געניטע פאכלייט, אין שפיץ פון די חברי הנהלת המוסדות און די חברי הנהלת המחנה, האבן מקריב געווען פאר דעם קעמפ זייער צייט, געלט, כח און מוח, א עבודה רבה וקשה און א יגיעה כבידה ביז ווען מען איז זוכה צום הזורעים בדמעה ברנה יקצורו.

עס זעהט זיך באשיינפערליך אן דעם כוחו של אותו זקן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע און דער סייעתא דשמיא וואס באגלייט כסדר כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, ווי אויך זייערע שליחים די חברי הנהלה הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו און הרה"ח ר' שמואל אהרן לאנדא הי"ו און נאך עסקנים, וואס געבן זיך אוועק לטובת די מוסדות הק' בלב ובנפש.

ועל כולם קומט צום אויסדרוק, די אימערמידליכע ארבעט וואס ווערט אריינגעלייגט דורך די הנהלת בית רחל, ובפרט די מנהלים רוחניים הרב ר' אלי' שלמה קאהן שליט"א און הרב ר' שלום וועבערמאן שליט"א, וואס לייגן צו אזויפיל כח און מח אהערצושטעלן און באגלייטן די אלע פראגראמען פונעם קעמפ על צד היותר טוב, צו פארזיכערן די רוחניות'דיגע פארגעניגן פון יעדע תלמידה באזונדער, און זעלבספארשטענדליך ארבעטענדיג צוזאמען מיט אלע חשוב'ע מחנכים און חברי ועד החינוך דסאטמאר.

**די פרישע כוחות ברוחניות**

היי-יאר ווערט אריינגעלייגט בעז"ה פרישע כוחות צו עפענען דעם קעמפ מיט א התחדשות און פרישע כוחות, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

צום היי-יעריגן זומער זמן איז אויפגענומען געווארן צוויי נייע דירעקטארס פאר'ן וואוילזיין פון די קינדער: אלס הויפט דירעקטאר איז אויפגענומען געווארן די חשוב'ע רביצין מייזליש תליט"א, אשת חבר פון הגה"צ רבי שמעון זאב שליט"א חדב"ן ורב דביהמ"ד ישמח משה בשכונת ברך משה קרית יואל, און אלס אסיסטענט-דירעקטאר איז אויפגענומען געווארן די חשוב'ע רביצין שפיגל שתחי' פון מאנסי.

אונטער די דירעקטארס געפינט זיך א גאנצער שטאב פון פילע איינגעשטעלטע, שרי אלפים און שרי מאות און שרי עשרות, אויף יעדן דעפארטמענט א באזונדערע שטאב וואס האט זיך אריינגעווארפן מיט'ן לייב און לעבן צוצוגרייטן די בעסטע פראגראמען פאר'ן רוחניות'דיגן וואוילזיין פון די קינדער.

אינעם הינזיכט פון שיעורים האבן זיך אריינגעלייגט מרת גאלד שתחי' פאר די עלטערע קינדער, און מרת כ"ץ שתחי' פאר די יונגערע קינדער, צוצוגרייטן אינהאלטספולע שיעורים אריינצוברענגען א ווארימקייט, יראת שמים און מדות טובות אין די קינדער. אויף יעדן טאג איז צוגעגרייט געווארן באזונדערע שיעורים, באגלייט מיט פארשידענע אקטיוויטעטן און פראגראמען פון די באטרעפענדע נושאים.

די שיעורים ווערן געגעבן דורך ערפארענע און עלטערע לערערינס און מחנכות, און דאס קומט דורכגעפלאכטן מיט א פארצייטישן חן, עס שפיגלט אפ פאר די תלמידות דאס שיינקייט און דאס ערליכקייט פון דאס אמאליגע נאטורליכע אידישקייט, מען פרעגלט אריין אין זייערע הערצער א חביבות און א שעצונג צו די אמאליגע וועלט, מען זאל ארויפקוקן און שעצן דעם תורת אמך, עס זאל זיין אראפגעקוקט דער ביליגער שטראם פון די גאס, די נארישקייטן פון די היינטיגע וועלט וואס טוט פארבלענדן אויגן פון יונגע קינדער, מען ערקלערט זיי דעם 'שקר החן והבל היופי אשה יראת ה' הוא תתהלל', אז זיי זאלן באגרייפן וואס דאס מיינט אין ריכטיגן זין פון ווארט.

א באזונדערע שטאב איז געשטעלט אויפ'ן ענין פון תפלה, וואס יעדן טאג דאווענען איבער 1,000 קינדער אין איין זאל און הונדערטער אנדערע קינדער אין אן אנדערן זאל, און מ'ארבעט אז די כוונת התפלה און פירוש המלות זאל זיין אויפ'ן בעסטן פארנעם.

(פארזעצונג אויף זייט 36)

# פריער אנקום פונעם פרילינג סעזאן ערמעגליכט ווילידזש צו אנהויבן פארריכטן "פאטהאולס" נאך בעפאר פסח

ווי באקאנט הייבט זיך אן יעדעס יאר אין פרילינג Apr. 15 'למס' דאס פארריכטן די לעכער (פאטהאולס) וואס האבן זיך געמאכט אין ווינטער אויף די גאסן.

די ארבעט צו פארריכטן די ראודס אין קרית יואל ווערט געטאן דורך די באגאבטע ארבייטער פונעם ווילידזש פאבליק ווארקס דעפארטמענט וועלכע זענען פאראנטווארטליכט פאר די בערך 15 מייל פון שאסייען אין די גרעניצן פון קרית יואל.

ווינטער מאכט זיך אלץ לעכער אין די שאסייען, דאס קומט ווייל די וואסער פון די ראודס כאפט זיך אריין אין די שפאלטענס אינעם ראוד, און דערנאך ווערט די וואסער פארפרוירן וואס ברעכט אויף דעם אספאלט שיכטע, און ווען די פארפרוירענס ווערן פארשוואונדן רינט אוועק די וואסער און מען בלייבט מיט א לאך אינעם ראוד.

אין לויף פונעם ווינטער קען מען נישט קיין סאך טאן, ווארום אספאלט פירמעס זענען געשפארט אויפ'ן ווינטער, מען קען נאר פארריכטן די לעכער אויף א פראוויזארישן וועג דורך עס אנפילן מיט א מאטעריאל וועלכע האלט נאר אויף צייטווייליג און מען דארף דאס אלץ איבערמאכן. דערפאר אין פרילינג, ווען די אספאלט פירמעס עפענען צוריק אויף פאר ביזנעס קען מען ערשט דאן פארשאפן געהעריג אספאלט און פערמאנענט פארריכטן די פאטהאלס.

היי-יאר, צוליב דעם וואס דער פרילינג איז פרי אנגעקומען און עס איז געווארן ווארעם שוין אנהויב מערץ, האבן די אספאלט פירמעס זיך שוין געעפנט פאר ביזנעס און מען האט געקענט באקומען געהעריגע פרישע אספאלט, און די געטרייע ארבייטער פונעם ווילידזש פאבליק ווארקס דעפארטמענט האבן אויסגענוצט די געלעגנהייט און האבן שנעל זיך צוגעיאגט און אנגעהויבן צו פארריכטן די מערערע פאטהאולס וואס האבן זיך געמאכט אין שטאט. דאס איז געווען א געוואלדיגע מעלה אז מען האט דאס געקענט טאן נאך פאר'ן יום טוב פסח.

א באזונדערע ארבעט איז געווען, אין ארדענונג צו ברענגען דעם צעבראכענעם צושטאנד פונעם שאסיי אויף טעילאר קאורט, ווארום די שאסיי איז דורכשניטן געווארן אויף מערערע ערטער צוליב דעם פראיעקט פאראיאר אין וועלכע מען האט איבערגעמאכט די סיידוואקס און אויסגעברייטערט די גאס, דערפאר האט די ווילידזש ספעציעל אויפגענומען די ערפארענע סי. עם. אי. ענטערפרייזעס קאנסטראקשאן פירמע וועלכע האט איבערגעמאכט אלע לעכער אויפ'ן טעילאר גאס יעצט פאר'ן זומער, אזוי אז דער פארקער זאל קענען פארן אומגעשטערט צום צופרידנהייט פון די איינוואוינער.

# גוטע באציאונגען מיט טאון אוו מאנרא קומט צונוץ ביים אויסבארגן וועקיום קלינער טראק פאר פסח



אז דער וועקיום קלינער צוברעכט זיך איז עס אן אומגליק, ווען עס פאסירט בעפאר פסח איז דאס א קאטאסטראפע.

אט אין אזא קלעם האט מען זיך דערזען אינעם ווילידזש פאבליק ווארקס דעפארטמענט, ווען דער בעזים טראק וואס מען נוצט צו קערן די גאסן איז קאליע געגאנגען, און די פארריכטונג ארבעט וועט נעמען עטליכע וואכן, און דא קומט דער יום טוב פסח און וויאזוי גיט מען זיך אן עצה? (קויפן א נייע טראק, אויסערדעם וואס מען קען דאס נישט טאן פון איין מינוט אויפ'ן צווייטן, איז א הוצאה פון איבער $200,000).

אז מען האט נישט בארגט מען פונעם שכן, דאס האט מען געטאן, היות קרית יואל האט גאר נאנטע באציאונגען מיט די טאון אוו מאנרא רעגירונג און מען קומט זיי אלץ צוהילף מיט פארשידענע זאכן ווען עס פעלט אויס, האט מען דאס יעצט אויסגענוצט און מען האט לכבוד פסח געבארגט פון זיי זייער בעזים טראק.

טייל קרית יואל איינוואוינער האבן אויסגעדרוקט וואונדער זעענדיג דעם טאון אוו מאנרא בעזים טראק קורסירן אויף די קרית יואל'ער גאסן, ווערנדיג געטריבן דורך די ווילידזש פאבליק ווארקס ארבייטער, און איצט איז דאס זיי ערקלערט געווארן.

די בעזים טראק איז איינע פון די פילצאליגע אפעראציעס פונעם ווילידזש פאבליק ווארקס דעפארטמענט וועלכע האלט אויף א שטאב מיט גויים וואס גייען ארום טעגליך צופיסנס אין די גאנצע שטאט אויף זייערע באשטימטע רוטס, מיט פארנדיגע מיסט קאנעס, און רוימען אויף די גאנצע שטאט, אויך האט מען א בעזים טראק, וועלכע מען נוצט אין די זומער מאנאטן, און עס פארט ארום אין די גאנצע שטאט איינמאל א וואך און רוימט אויף די גאסן, כדי די שטאט זאל שטענדיג זיין שיין און ריין ווי עס פאסט פאר אידן.

# א שפאציר אין "קור-ארט"...

(פארזעצונג פון זייט 9)

ווי מארינבאד, קארלסבאד, קרעניץ און נאך.

לדוגמה: קיין "קרעניץ" פלעגט קומען דער הייליגער שינאווער רב זי"ע. דארט האט ער פארברענגט מיט צדיקים. אהין איז געקומען צו פארן זיין פלומעניק רבינו הגה"ק בעל עצי חיים זי"ע און דארט גע'פועל'ט א ישועה בזש"ק. אין קרעניץ האט דער שינאווער רב זי"ע מוחה געווען קעגן אן א.ג. רב וועלכער איז געווען פון די גרויסע שטיצער פונעם רעיון הציוני. אין קרעניץ האט דער בריסקער רב הגה"ק רבי וועלוועלע זצ"ל אליינס בייגעוואוינט, ווי נאך זעכציג יאר נאכ'ן הסתלקות פונעם צאנזער רב הגה"ק בעל דברי חיים זי"ע, איז זיין נאמען נאך געווען פארהייליגט ווי גלייך ער וואלט נאך געלעבט, אזש ווען מ'האט געזאגט "דער רב" האט מען גלייך געוואוסט אז מ'רעדט פונעם דברי חיים זי"ע.

צענדליגער און אפילו טויזנטער סיפורי צדיקים, זענען געקניפט און געבינדן מיט "קור-ערטער". פילע רבנים ווען מ'האט אנגעפרעגט פארשידענע שאלות בהלכה, האבן נישט גלייך משיב געווען דערויף. זייענדיג טרוד במילי דמתא, האבן זיי נישט געהאט דעם מח זיך אריינצולייגן דערין עס מברר צו זיין לאמיתה של תורה דארט אינדערהיים. האט מען עס אוועקגעלייגט אויף שפעטער. ווען מען איז געפארן צום קור-ארט האט מען מיטגענומען די נויטיגע ספרים, דארט איז מען בדרך כלל געווען פריי פון יעדע דאגה, און פילע תשובות בהלכה זענען געשריבן געווארן מיט גרויס חריפות אין אט די קור-ערטער.

באקאנט איז די עובדא אז ווען דער גרויסער גאון רבי עקיבא אייגער זי"ע איז צוזאמען מיט זיין גרויסן איידעם דער חתם סופר זי"ע געווען אויף אפרוה ערגעץ-וואו, האט מען זיי געפרעגט א געוויסע שאלה. דער חתם סופר זי"ע האט נישט געוואלט פסק'נען פון אויסענווייניג, און אינעם שולחן ערוך וואס זיי האבן געהאט דארט, האט געפעלט איין בלעטל. האט דער חתם סופר זי"ע געשיקט בעטן ביי רבי עקיבא אייגער אויב ער האט אפשר דעם שולחן ערוך, כדי צו קענען נאכקוקן די הלכה פון אינעווייניג. בגודל גאונותו האט רבי עקיבא אייגער אפגעשריבן דעם גאנצן בלעטל נישט אויסלאזנדיג אפילו איין ווארט פון די נושאי כלים. דער חתם סופר זי"ע האט גע'פסק'ט די שאלה, און פאר די קומענדיגע דורות איז פארבליבן נאך א מורא'דיגער סיפור וואס איז פארבינדן מיט א קור-ארט...

אין א קור-ארט - האט מען געוואוסט - איז דאס פלאץ וואו רבי'ס און רבנים גייען שפאצירן מדי יום ביומו. די גדולי ישראל, זייענדיג פריי פון יעדע דאגה, האבן דערציילט זכרונות און סיפורים, און געפראוועט מופתים וועלכע איז פארבליבן אלס נחלת הכלל, אז עס זאל זיין פאר די קומענדיגע דורות זיין וואס צו דערציילן ענינים וואס האבן געפראוועט טאקע דא אויף דעם פלאץ.

איי, ווי בא'טעמ'ט איז דאס געווען ווען אידן פלעגן זיך אויסזעצן אויף די בענק, אונטער די פרישע לופט און קלארע הימלען, פארפירט חסיד'ישע שמועסן, זכרונות פון דער אלטער אמאל, באגלייט מיט די פרישסטע נייעס'ן, אלעס מיט א חסיד'ישן טעם און חן וואס קען נישט געשילדערט ווערן פאר איינעם וואס האט דאס נישט פערזענליך מיטגעלעבט אמאל. בלויז פון זען די אור-אלטע פארצייטישע בילדער פון אזעלכע מקומות, כאפט שוין אן א בענקשאפט עס אליינס צו קענען מיטלעבן.

ועל כולם איז די צייט גוט אויסגענוצט געווארן דורך פארצייטישע אידן, צו לעבן עטליכע וואכן פאר זיך אליינס. אידן מיט אידן צוזאמען. אידישע קינדער, ארומגענומען מיט אייגענע ברודער. הגם מיר האבן דאס נישט באשטעטיגט קראנט, אבער עפעס אזא הרגשה באקומט מען פון ליינען די אלע סיפורים, אז די קור-ערטער זענען געווען באשטימט דייקא פאר אידן... אן אינו בן ברית האט זיך עפעס נישט געפונען דארט דאס פלאץ... דארט האבן זיך בעיקר געדרייט אידן פון אלע שיכטן און קרייזן וועלכע האבן צוזאמען פארברענגט, געשמועסט, געלערנט, געדאווענט און זיך געווייקט ביי צדיקים.

אז מ'האט געווילט אינדערהיים האט מען געמוזט וואוינען נעבן גוי'אישע שכנים, און אז מ'איז אוועקגעפארן פון שטוב האט מען געהאט די מעגליכקייט אויסצוזוכן א פאסיגן מקום זיך אביסל אויסצולופטערן, פארגעסן פונעם גוי'אישן שכן פון וועמען מ'האט נישט ווייניג צרות געליטן. אצינד האט מען אים נישט געזען פאר די אויגן.

און צוריק קיין קרית יואל.

קרית יואל איז דער היינטיגער סימבאל פון א "אידישע שטאט". יעדער וואס האט זיך אהער ארויסגעצויגן האט גלייך געוואוסט, אז וויפיל גשמיות'דיגע שוועריגקייטן עס ערווארטעט אים, וועט מען אבער פון איין פראבלעם נישט וויסן. מ'וואוינט ב"ה נאר צווישן אידישע קינדער! אנדערש ווי אין אנדערע חרדי"שע געגענטער, וואס דאס וואוינען אויסגעמישט מיט די גוי'אישע שכנים ברענגט פארשידענע אומגעוואונטשענע רעזולטאטן.

דאס איז "אין" קרית יואל. איינמאל אבער מ'האט געדארפט ארויסגיין פון קרית יואל, מ'האט געוואלט זיך אביסל אויסלופטערן, און נישט דייקא דורכ'ן פארן צו סיי וועלכע קור-ארט. מ'האט געוואלט פארבלייבן "אין" קרית יואל, אבער פארט אביסל ארויסציר פון די שטאט, דאס איז שוין נישט מעגליך געווען.

יא, ארום קרית יואל זענען דא פארקס, אפרוה ערטער, און שפאציר וועגן, אבער פאסט עס דען פאר א איד זיך דארט צו דרייען? אפגערעדט אז עס איז בכלל נישט געאייגנט פאר קינדער זיך דארט צו שפילן, אבער אפילו פאר זיך זעלבסט, קען מען דען מיט אזא רואיגקייט אויסקלויבן א פלאץ וואו צו שפאצירן, ווען מ'ווייסט אז ביים זיך ארומדרייען וועט מען געוויס אנטרעפן פארשידענע עלמענטן וועמען מ'וויל נישט זען?

און נאך בעיקר אז עס איז די רעדע פון א שטאט ווי קרית יואל, א פלאץ וואו מ'איז בכלל נישט צוגעוואוינט זיך צו טרעפן מיט'ן גוי. מ'ווייסט קלאר אז אינדערהיים טרעפט מען זיך נישט מיט'ן גוי, און אצינד ווען מ'וויל זיך אביסל אויסלופטערן, ערשט איצט וועט מען זיך דארפן באגעגענען מיט די אלע פון וועמען מ'וויל אזוי שטארק זיין אפגעטיילט?

אבער נאכאמאל, פארוואס רעדן פונעם עבר, ווען דער עתיד גלאנצט אזוי שטארק?

גאנץ בקרוב וועט קרית יואל שוין בעזהשי"ת פארמאגן אן אייגענעם "קור-ארט". א פלאץ וואס וועט אי"ה זיין געאייגנט בלויז פאר אידן. און מיר ווילן דא בכלל נישט בארירן די טעמע, ווי וויכטיג און פאסיג דער אפטיילונג פונעם "קינדער פארק" וועט זיין פאר די קינדער, א זאך וואס יעדער פארשטייט געוויס דאס נחיצות דערפון.

מיר רעדן דייקא פונעם נחיצות און

(פארזעצונג אויף זייט 32)

אנשי שלומינו דקרית יואל
KIRYAS JOEL ANASH
51 Forest Rd. Suite# 203-06 Monroe N.Y. 10950

חיי"ם של ברכה

בלב מלא דיצה ורינה, נברך בשירה וברננה, ידידנו היקר כמשמעו וכמדרשו פי שניים, כי מוצאי מוצא חיי"ם, וה' נתן חכמה לשלמ"ה, להרים קרננו ביד רמה, נודע בשערים, בפעולותיו היקרים, אהוב על כל וחביב, זר זהב לו סביב, מגמתו להגדיל תורה ולהאדירה, בשפה נעימה וברורה, ידיו רב לו בכל קדשי בית סאטמאר בדעת ובתבונה, עוסק בצרכי ציבור באמונה, עומד לימיננו בכל עת ועונה, זוכה לעמוד ולשרת אצל כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א בכל נימי נפשו, כי עבד נאמן קראתו לו

ה"ה ידידינו וידיד נפש כל חי, הרבני הנכבד והמפואר, יפה פרי תואר,
רודף חסד ואיש אמונים, תל תלפיות שהכל אליו פונים, ה"ה הרה"ח

מו"ה חיים שלמה פישער הי"ו

יד ימינו ומשמש בקודש אצל כ"ק מרן רבינו עטרת ראשינו הגה"ק שליט"א

לרגל שמחת הולדת הבן
ולהכנסתו לבריתו של אברהם אבינו למזל טוב

וזאת הברכה אשר תבוא ממקור החיי"ם ויחולו על ראש שלמ"ה, שיזכה לראות מכל יוצ"ח רב תענוג ונחת מתוך הרחבת הדעת דקדושה, במדה כפולה וגדושה, ויזכה לגדלו ולחנכו לתורה לחופה ולמעשים טובים מתוך עושר ואושר וכל ברכאן דנפישא, ויזכה להמשיך בפעליו הברוכים, בבריות גופא וחיי"ם ארוכים, עדי נזכה בקרוב בימינו, לביאת גואלנו, במהרה בימינו, ומלכנו בראשנו אמן.

כעתירת ובברכת
אנשי שלומינו דקרית יואל

# חברה מצילי אש – קרית יואל

## Kiryas Joel Fire Department

P.O. Box 566, Monroe, NY 10949

Office: (845) 781-5616 • For Emergency: (845)783-1212


בס"ד

ערב פסח תשע"ב

# וויכטיגע אנווייזונגען

## אויף חול המועד און די צווייטע טעג יו"ט

### דערמיט ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן עטליכע וויכטיגע פונקטן וואס איז וויכטיג צו געדענקען אין די יעצטיגע טעג

1) במשך די טעג פון חוה"מ ווען מען גייט ארויס פון שטוב, זאל מען ח"ו נישט איבערלאזן קיין טעפ אויף אן אנגעצינדענעם גאז רענטש אן אויפזיכט, אפי' אויף א קורצע ווילע, ווייל עס איז א גרויסע סכנה.

2) מען זאל אכטונג געבן נישט ארייבצולייגן קיין הייסע טעפ אויף די פסח'דיגע פלעסטיק סינקס אדער פלעסטיק קאונטער טאפס, ווי אויך זאל מען נישט לייגן קיין ליכט אויף די פלעסטיק קאונטער טאפס, ווייל דאס האט שוין פארשאפט גרויס עגמת נפש אין די פארגאנגענהייט.

3) במשך דעם יו"ט ווען מ'קאכט און מ'באקט מער ווי געווענליך, זאל מען שטענדיג אפן לאזן א פענסטער בשעת'ן קאכן, כדי ס'זאל נישט געשאפן ווערן די שעדליכע קארבאן מאנאקסייד.

4) נאך יו"ט, ווען מ'פארמאכט די פסח'דיגע קאך, זאל מען נישט פארגעסן צוצומאכן די גאז וועלוו און די וואסער.

5) ווען מ'טווישט די גאז רענטש נאך פסח, איז ראטזאם צו נוצן בלויז אן עקספיריענסד פלאמבער, און דאס נישט טאן אליין, כדי צו פארמיידן גאז ליעקס.

**ווי אויך איבער'ן יאר זאל מען זיך האלטן צו די פאלגענדע באווארענונגען:**

1) עס איז קריטיש וויכטיג צו האבן א פונקציאנירנדער **"סמאוק אלארם"** אין יעדע איינציגע צימער. ווי אויך, ווען מ'בויעט איבער א דירה, זאל מען נישט בלאקן דעם אלארם.

2) יעצט איז די ריכטיגע צייט פון יאר צו פארזיכערן אז די "סמאוק אלארם" האט א גוטע באטעריע און אז דער מאשין ארבייט. אויך איז וויכטיג צו האבן א Carbon Monoxide Detector (ס'קאסט בלויז עטליכע דאלאר, און ס'קען ראטעווען לעבנס).

3) ווען מ'ליייגט ארויף א בלעך אויפ'ן גאז רענטש, זאל מען מאכן זיכער אז ביי די צוויי זייטן איז אפן און ס'קען אריינקומען לופט, ווייל אז נישט קען עס ברענגען קארבאן מאנאקסייד.

4) מ'זאל שטענדיג אכטונג געבן אז די קינדער זאלן זיך נישט שפילן מיט די שוועבעלעך. מ'זאל דאס אוועקלייגן אויף א הויכן פלאץ אז די קינדער זאלן נישט קענען צוקומען דערצו.

מיט דאנק פאראויס,

**חברה מצילי אש**

# סוקסעס פון "פובליק-סעיפטי שבת סטאנציעס" ברענגט פלענער פאר פרישע שבת סטאנציע

קרית יואל. - איבער די לעצטערע וואכן הערט מען אלץ מער און מער גוטע גריסן פון די ניי-אויפגעשטעלטע פובליק סעיפטי שבת בודקעס, וועלכע זענען אוועקגעשטעלט געווארן ביים שכונת ברך משה און ביי שכונת עצי תמרים, אזוי אז די ווילידזש פירערשאפט האט גלייך גענומען אויף זיך פרישע פלענער פאר נאך עטליכע אזעלכע בודקעס, אין געגנטער וואס עס איז שווער צוצוקומען צום הויפט פובליק סעיפטי בודקע ביים בימה"ד הגדול פארקינג לאט.




זינט דער ווילידזש האט אויפגעשטעלט דעם פובליק סעיפטי בודקע ביים פארקינג לאט קעגנאיבער דעם בית המדרש הגדול, איז געווארן א מציאות וואס יעדער איינוואוינער ווייסט אז פאר סיי וואספארא וויכטיגע הילף מען דארף האבן אום שבת און יום טוב, קען מען אהינקומען, און די פובליק סעיפטי שיקט גלייך עמיצן צום ספעציפישן אדרעס און די הילף ווערט צוגעשטעלט שנעל און גענויט.

מיט דער צייט האט זיך דער שטעטל אויסגעברייטערט און פארגרעסערט ביי אלע עקן און נייע געגנטער זענען געבויעט געווארן, מיט פילע פרישע הונדערטער אידישע פאמיליעס. דאס האט געברענגט א פראבלעם אז דער הויפט פובליק סעיפטי בודקע איז אויסגעוואקסן און האט מער נישט געקענט דינען פאר'ן גאנצן שטעטל, צוליב וואס עס איז זייער שווער פאר די וועלכע וואוינען אין די ווייטער שכונות, ווי ברך משה און עצי תמרים, אנצוקומען אהין אויב דארפן זיי עפעס הילף אום שבת אדער יום טוב.

נאך עטליכע מאנאטן פון פלאנירן, אינדזשענירן און ארבעטן צו שאפן די נויטיגע פאנדס, האט מען ענדליך געזען פרוכט פון די שווערע ארבעט, און צוויי פרישע בודקעס זענען אוועקגעשטעלט געווארן ביי די צוויי ווייטע געגנטער, און גלייך אין די ערשטע עטליכע שבתים האט מען שוין צוריקגעהערט גאר גוטע גריסן איבער דעם און איינוואוינער האבן דערציילט ווי די פובליק סעיפטי איינגעשטעלטע האבן זיי ארויסגעהאלפן מיט וויכטיגע זאכן, וואס ביז היינט האבן זיי געדארפט קריכן פאר א האלבע שעה ביז צום פארקינג לאט אין ביהמ"ד הגדול.

אצינד, מיט די סוקסעס פון די צוויי נייע בודקעס, האט די ווילידזש גלייך גענומען אויף זיך דער איניציאטיוו צו זעהן אין וועלכע געגנטער נאך עס איז וויכטיג אוועקצושטעלן באזונדערע בודקעס, אויסער די דריי וועלכע שטייען שוין לשם ולתפארת, און היות אינעם לעמבערג געגנט ציען זיך יעצט אריין פילע נייע פאמיליעס בלי עין הרע, איז באשלאסן געווארן אז דער קומענדיגער און פערטער בודקע וועט ווערן אוועקגעשטעלט צו דינען די עיקערס געגנט און די פילע נייע איינוואוינער אויפ'ן לעמבערג גאס.



דער ווינקל ביי עיקערס און סאטמאר דרייוו וואו מען פלאנירט אויפצושטעלן נאך א פובליק סעיפטי בודקע

לויט'ן פלאן וועט דער פרישער בודקע אוועקגעשטעלט ווערן ביים קארנער פון סאטמאר דרייוו און עיקרס ראוד, וואס אזוי וועט עס דינען אויך די אנדערע עיקערס איינוואוינער און די איינוואוינער אויף סאטמאר דרייוו. דער פרישער פראיעקט איז יעצט אין די פלאנירונג פאזעס, פון באשטעלן און צוגרייטן די פארשידענע אינסטלאציעס ווי לעקטער און הייצונג או"וו, און מען האפט אז ביז עטליכע חדשים וועט שוין זיין אהערגעשטעלט די נייע 'פאבליק סעיפטי שבת סטעישאן'.

תושבי קרית יואל דרוקן אויס שטארקע דאנקבארשאפט פאר די געטרייע הנהלת הווילעדזש, וועלכע יומם ולילה לא ישבותו צו טראכטן וואס נאך מען קען פארבעסערן פאר די איינוואוינער און וועלכע נאך פראיעקטן קענען אוועקגעשטעלט ווערן פאר די טובה און הנאה פון די פילע איינוואוינער.

# נייע פאבליק סעיפטי הויפטקווארטיר אפיס אוועקגעשטעלט אין פארקינג לאט סטאנציע

קרית יואל. - פארגאנגענעם מאנאט האבן מיר געמאלדן אין די שפאלטענעס פון "הקריה" איבער די פריידיגע אנטוויקלונגען און פארשריט וועלכע ווערט געמאכט מיט'ן פארברייטערונג פון די קרית יואל פובליק סעיפטי, נאכדעם וואס מען האט אויפגעבויעט א נייעם פארקינג לאט ספעציעל אהערגעשטעלט פאר אלע עקוויפמענט, קארס און טרעקלעך. אצינד איז א פרייד צו מעלדן אז איבער די לעצטע צוויי וואכן איז געמאכט געווארן נאך פארשריט און מען האלט שוין ביי דעם אז דער גאנצער דעפארטמענט גייט זיך אריינציען בשעה טובה אינעם נייעם סטאנציע.

ביז מיט עטליכע וואכן צוריק איז די קריטיש-וויכטיגע קערפערשאפט פון פובליק סעיפטי געווען צעשפרייט און צעזייט אויף פילע ערטער איבער'ן שטעטל, און קיינמאל נישט געהאט קיין געהעריג-באשטימטע הויפטקווארטיר פון וואו מען זאל קענען אויף א גענויטן פראפעסיאנאלן פארנעם שטיין אין שפיץ פון אלע אקטיוויטעטן - וואס דאס נעמט אריין סיי די טאג טעגליכע פונקציעס פון צושטעלן סעיפטי פאר די שטאט, סיי די ספעציעלע שבת אפעראציעס מיט די "שבת סטעישענס", און סיי די ספעציעלע ארבעט ביי גרויסע מסיבות און צוזאמענקונפטן אין שטעטל.

די אומארדענונג האט פארשטייט זיך אפעקטירט די ארבעט און האט פיל שווערער געמאכט פאר די איינגעשטעלטע, וועלכע האבן זיך געדארפט ספראווען אנע געהעריגע ארט וואו צו קאארדינירן די ארבעט. פארשטייט זיך אז די איינוואוינער אין שטאט האבן נישט געשפירט קיין דירעקטע אפעקט דערפון, וויבאלד די איינגעשטעלטע פאטראלן אין שפיץ פון מו"ה משה לייב וויטריאל הי"ו, האבן זיכער געמאכט אז אלעס זאל אנגיין ווי געהעריג. אבער עס איז געקומען צו א מצב אז מען האט מער נישט געקענט פונקציאנירן אזוי.

די ווילידזש האט זיך אריינגעלייגט אין דער זאך און נאכ'ן זיצן און פלאנירן פאר א לענגערע צייט, האט מען באשטימט אז אויף "פארעסט ראוד" נעבן דעם "אווערפעס" איז דאס בעסטע ארט פאר א ספעציעלע פארקינג לאט און אפיסעס הויפטקווארטיר פאר די פארצווייגטע פעולות פון די פובליק סעיפטי אגענטור. מען האט זיך באלד גענומען צו די בוי ארבעט און אצינד שטייט שוין דער פארקינג לאט און מען האט שוין אהין אריינגעפירט אלע טרעקלעך און עקוויפמענט.

מיט צוויי וואכן צוריק איז אנגעקומען א נייער אפיס טרעילאר, אין וועלכע עס וועט אוועקגעשטעלט ווערן די נייע אפיסעס פאר אלע פונקציעס פון די פובליק סעיפטי. דער טרעילאר וועט זיין אויסגעשטאט מיט פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס צו מאכן גרינגער די ארבעט פון די פאטראלן צו היטן די שטאט. ווי עס געבט איבער מו"ה משה לייב הי"ו, וועט איינגעשטעלט ווערן א ספעציעלע "דזשי. פי. עס." סיסטעם אין די נייע אפיסעס, אז מען זאל קענען האלטן חשבון וואו יעדע פון די פובליק סעיפטי אויטאס געפינען זיך, וואס אזוי וועט מען שנעל קענען צושיקן הילף וואו מען דארף, דורך די פאטראל קאר וועלכע געפינט זיך די נאענטסטע צום ארט.

בלייבט נאר איבער צו וואונטשן פאר די געטרייע אנפירער פון די לעבנסוויכטיגע פובליק סעיפטי, אז דער באשעפער זאל זיי געבן די כוחות און די סייעתא דשמיא וואס פארלאנגט זיך ביים היטן אזא גרויסע שטאט מיט אזויפיל אידישע קינדער בלי עין הרע.





דער נייע פאבליק סעיפטי הויפטקווארטיר אפיס וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן אין די פובליק סעיפטי פארקינג לאט סטאנציע

פובליק סעיפטי באריכטעט:

# שטייגנדע צאל אטאקעס פון דורכפארנדע אויטאס

די פובליק סעיפטי פירערשאפט געבט איבער אז אין לויף פון די לעצטערע 4 מאנאטן האבן זיך די צאל אנטיסעמיטישע אטאקעס אין שטאט פיל פארמערט, מיט פארבייפארנדע קארס און טראקס וועלכע שרייען ארויס לאזונגען און אטאקירן צומאל אומשולדיגע פיסגייער אין די גאס. צוליב די פארמערטע צאל אטאקעס, ווערט פארלאנגט פון די איינוואוינער אין שטאט מער אויפמערקזאמקייט, אז מען זאל באריכטן סיי וועלכע אינצידענט, ווייל אזוי קען מען בעז"ה פרובירן צו באהאנדלען דעם פראבלעם.

בלויז אין די לעצטע זעקס וואכן זענען געווען איבער צען פעלער וואס דורכפארנדע קארס אויף פארעסט ראוד און עיקרס ראוד האבן ארויסגעווארפן שטיינער פון די פענסטער, וואס בחסדי השם האט דאס אויסגעמיטן די מענטשן און נישט קיינעם געשעדיגט. אן ענליכע צאל פעלער זענען באריכטעט געווארן צו די פובליק סעיפטי איבער אויטאס מיט גויים וועלכע זענען דורכגעפארן און ארויסגעשריגן אנטיסעמיטישע לאזונגען, שפייענדיג עקלהאפטיג ארויס פונעם פענצטער. איין ספעציפישע פאל וואס די פובליק סעיפטי געבט איבער, איז געווען מיט א טרעילאר וועלכע פארט אסאך דורך די הויפט גאסן אינעם שטעטל און איינוואוינער האבן באריכטעט אז ער לאזט ספעציעל ארויס א שטארקע שמוציגע רויך ווען ער זעהט אז די גאסן זענען פול מיט קינדער, כדי צו שטערן דאס אטעמען און מאכן אומבאקוועם. די פובליק סעיפטי האט זיך אריינגעלייגט דערין און נאכגעקוקט דעם טרעילאר און זיך טאקע איבערגעצייגט אז יענער דרייווער זוכט דוקא זיך צו רייצן און שטערן די פרידליכע איינוואוינער אין שטאט. איבריג צו זאגן אז מען האט באהאנדלט דעם פראבלעם און דער דרייווער איז שטארק באשטראפט געווארן דערפאר.

די פובליק סעיפטי פירערשאפט בעט דעריבער פון אלע איינוואוינער אין שטאט אז מען זאל גלייך מעלדן ווי נאר מען זעהט א געוויסע קאר ווארפט שטיינער, שרייט לאזונגען אדער סיי וואס, און אויך זאל מען פרובירן צו האבן וואס מער דעטאלן פונעם קאר, ווי די פלעיט נומערן, מאדעל און קאליר פונעם קאר, וואס אזוי איז גרינגער צו אידענטיפיצירן ווער עס איז דער דרייווער, און אפשטעלן די זאך, איידער עס ווערט ממש סכנות נפשות מיט עכטע געפארן פאר די איינוואוינער.

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

## ווichטיגע אויפפאדערונג

**שטייענדיג אין די טעג פון יו"ט פסח**
**ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן א וויכטיגן פונקט איבער די**

# פובליק סעיפטי שבת ויו"ט פאטראל

ווי שטענדיג אין אזעלכע טעג מאכט זיך ענדערש אז מען זאל דארפן נוצן די פובליק סעיפטי פאטראל. דער ווילידזש שטעלט זיך אהער אין די ימים טובים, און מען ברענגט אריין א פארגרעסערטן שטאב פון פאטראל באאמטע, און מען דינגט מער קארס, כדי מען זאל קענען נאכקומען דעם פארלאנג.

קרית יואל איז א ריזיגע שטאט מיט איבער דריי און א האלב טויזענט פאמיליעס, כן ירבו, און אין אפילו סתם א שבת, כל שכן עטליכע טעג יום טוב, איז א לעבנס וויכטיגע זאך צו האבן גרייט די שבת פאטראל צום באנוץ.

## אין די לעצטערע יארן האט זיך ארויסגעשטעלט אז אסאך מענטשן באטראכטן דעם סערוויס אלס פריוויליגיע און פארלאזן זיך לכתחלה אויף די פובליק סעיפטי זיי צו שטיין אויף דינסט אויף יום טוב

דאס פירט צו א פלייץ פון ארבעט פאר די פאטראל אויף א מאסשטאב וואס מען קען נישט נאכקומען

**פילע מענטשן וואס האבן אויסטערליש נויטיג געדארפט האבן א שבת גוי פאר רפואה און אנדערע לעבנסוויכטיגע צוועקן, האבן דאס נישט געקענט באקומען**

## דעריבער ווילן מיר אויפמערקזאם מאכן ווי פאלגענד:

1) עס איז גענצליך נישט מענטשליך זיך אנצוואווארפן לכתחלה אויפ'ן סיסטעם, מען דארף נעמען אין אכט אז יעדע פובליק סעיפטי רוף נעמט כאטש 15 מינוט, און מען וואלט געדארפט צוגרייטן עטליכע הונדערט גוים צו קענען סערווירן אזויפיל מענטשן וואס ווילן נוצן די פאטראל בלויז פאר באקוועמליכקייט.

**2) פילע אידן דארפן דעם פובליק סעיפטי פאר ריכטיגע עמוירדזשענסיס, מען האט רפואה מאשינען פאר קינדער, צב"ש נעביולייזערס, אידן האבן חולים און עלטערע עלטערן אין שטוב, וואס מען דארף האבן גוים אנצוצינדן און אויסלעשן די מאשינען, די אידן ליידן גרויס צער און עס קומט צו סכנת נפשות, ווייל עס איז נישטא קיין פאטראל צו באקומען, צוליב די וואס נוצן די פובליק סעיפטי פאר מינדערוויכטיגע צוועקן.**

3) די פובליק סעיפטי איז געמאכט אלס א סערוויס פאַר'ן שטאט צו העלפן מענטשן מיט אומפאראויסגעזעענע אומשטענדן, דער ווילידזש טוט דאס זייער גערן. עס קאסט אָפּ אסאך געלט און פלאנירונג, מיה און שווייס, און עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז מען קען בשום אופן נישט צושטעלן די פובליק סעיפטי פאר זאכן וואס קענען ווערן אויספלאנירט פון פאראויס, א שטייגער ווי אנשטעלן א שבת זייגער וכדו'.

## עס איז צום האפן אז דער ציבור וועט נעמען צו קענטעניס די הארבקייט פונעם ענין, און דערמיט וועט מען פארמיידן עווענטועלע פראבלעמען ווי אין די פארגאנגענהייט ווען פילע עמוירדזשענסי רופן האבן געמוזטווארטן שעה'ן צו באקומען הילף

**מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע**

**דער ווילידזש**

ס'איז דאס געזעץ:

# נישט דורכפארן דעם סקול באס, נישט פון פארנט און נישט פון הונטן

די סקול באס דרייווערס דאהי אין שטאט בעטן פון די איינוואוינער א קליינע בקשה, האטס א ביסעלע געדולד און לאזט אונז דורכפירן די הייליגע מיסיע פון טראנספארטירן אייערע קינדער צו די בתי חינוך און אהיים זיכערערהייט.

קרית יואל איז א גרויסע שטאט מיט אסאך סקול באסעס, און ווי פארשטענדליך איז דא פארשידענע שעה'ן פונעם טאג וואס די סקול באסעס רעגירן אין שטאט און מאכן א טראפיק, דאס איז א פאקט פונעם טאג-טעליכן לעבן און ערפארענע מאטאריסטן ווייסן שוין זיך נישט צו דרייען אין שטאט אין די שעה'ן פון 8:00 ביז 10:00 צופרי און פון 3:00 ביז 5:30 נאכמיטאג, ווייל דאן איז אין שטאט דא א גרידלאק פון די סקול באסעס.

אפטמאל פארט א שורה אנגעברויזטע מאטאריסטן אונטער'ן סקול באס און דער געדולד פלאצט זיי, זיי פרעגן זיך שטיל: פארוואס מוז דער באס דרייווער זיך אפשטעלן יעדע ד' אמות?; פארוואס קען ער מיך נישט דורכלאזן?; פארוואס קען ער זיך נישט שטעלן אין די זייט?; פארוואס מוז ער אקטיוויזירן די רויטע לעמפ און אפשטעלן דעם טראפיק ביים אראפלייגן א 35 יעריגן יונגערמאן פאר וועמען ער האט געגעבן א היטש?

די באס דרייווערס זאגן פאר די מאטאריסטן איין ווארט, איר ווילט האבן אן ענטפער אויף די אלע פראגן, מיר האבן פאר אייך אן עצה: "ווערט א באס דרייווער", און דאן וועט איר זען וויאזוי זאכן קוקן אויס פון די אנדערע זייט. פונקט ווי די גראסערי רעדזשיסטערס זאגן אז ווען מען זאל שטעלן יעדן קאסטומער 2 וואכן צום רעדזשיסטער וואלט ער שוין אנדערש גערעדט.

אסאך מאל קוקט אויס פאר א קאר דרייווער אז דער באס דרייווער רעכנט זיך נישט מיט'ן טראפיק אונטער אים. דאס איז נישט ריכטיג, דער באס דרייווער האט א שווערע אחריות'דיגע ארבעט, ער איז נישט סתם א טעקסי דרייווער, ער פירט א באס מיט טייערע אידישע קינדערלעך, עס קען זיין אייערע קינדער און אייערע ברודער'ס קינדער, טייל זענען גאר קליינע וואס זענען אומבאהאלפן, און עס איז א מורא'דיגע אחריות'דיגע מיסיע זיי אפצונעמען און אהיימטראגן.

דער באס דרייווער דארף יעדע סעקונדע זיין "אן טאפ" פון די "סיטואציע אויפ'ן ראוד" און די "סיטואציע אויפ'ן באס", און מוז יעדן מאל ביים זיך אפשטעלן ביי א סטאפ אויפצונעמען אדער אראפלייגן קינדער, מאכן א באשלוס צי די סיטואציע איז זיכער, ער דארף באאבאכטן און אפציילן די קינדער ווען זיי גייען אראפ פון באס און זיכער מאכן אז אלע קינדער זענען אנגעקומען אויפ'ן סיידוואק, און זיך דאן פריש אומקוקן צי אלעס איז זיכער און סעיף, קוקן אויף די שפיגלען צי קיין קינדער זענען נישט אונטער די רעדער, און דאן ווייטער פארן.

דאס אלעס איז ווען מען דארף זיך דערצו ספראווען מיט כאפטעס קינדער וואס זענען שוין מיד פון דעם דיסציפלין אין חדר איבער'ן טאג און שפרינגען ארום, און אויך מיט די נערוועזע מאטאריסטן פון אלע זייטן, פארשטייט איר שוין אליין אז דאס איז א שווערע ארבעט. דרייוון א סקול באס איז נישט סתם דרוקן גאז און אנציען א דיזעל מאטאר.

אסאך זאכן טוט דער סקול באס דרייווער פאר "סעיפטי", אנדערע זאכן זענען נישט נאר "סעיפטי" נאר אויך דער געזעץ, און אז ער פארלעצט דאס קען ער פארלירן זיין שטעלע. אינעם טראנספארטאציע אפיס נעמט מען זייער זייער שטרענג "סעיפטי" פארלעצונגען צוליב פארשטענדליכע אורזאכן.

1) א סקול באס דרייווער מוז געזעצליך אקטיוויזירן זיינע רויטע לעמפ און פולשטענדיג אפשטעלן דעם טראפיק פון ביידע ריכטונגען סיי-וועגן ער לאזט אראפ מענטשן, גרויסע צי קליינע, אפגעזען צי מאטאריסטן פלאצן אוועק אדער נישט.

2) א סקול באס דרייווער שטעלט זיך דירעקט אפ אינמיטן ראוד און אקטיוויזירט די רויטע לעמפ כדי קארס זאלן אים נישט אויסקרויזן פון קיין שום זייט.

3) א סקול באס דרייווער קען נישט אלעמאל דורכלאזן דעם טראפיק הונטער אים, ער זעט אנדערע זאכן וואס די אנגעצויגענע מאטאריסטן זעען נישט, און אז ער לאזט דורך דעם טראפיק און ברענגט אן עקסידענט איז דאס זיין שולד.

מען טאר נישט דורכפארן די רויטע לעמפ פונעם סקול באס, דאס ווייסט יעדער און ווינציג דערוואגן זיך צו באגיין אזא פארברעכן, אבער מאנכע מאטאריסטן זענען זיך מורה היתר אויסצוקרויזן דעם באס פון הונטן.

צב"ש, דער באס שטעלט זיך אפ פארנט פון א דרייוועי אדער א גאס, דער הונטערשטער האלב פונעם באס בלאקירט דעם ארויספאר וועג פונעם גאס און די פאדערשטע טייל פונעם באס איז שוין אהינציר. די קארס וואס ווילן ארויספארן פונעם דרייוועי אדער די גאס און מאכן א לינקס צום הויפט שאסיי זענען נישט קיין עוולה מיט'ן ארויספארן פונעם גאס אין בעק פון די באס.

מאטאריסטן דארפן זיך אבער מאכן א חשבון אז קינדער גייען אפטמאל אריבער דעם גאס אין בעק פון די באס אנשטאט גיין פון פארנט, יא מען זאגט זיי טאקע אן צו גיין פון פארנט אבער אז איר קוקט גוט וועט איר זען אז דאס פאסירט אסאך מאל אז קינדער גייען אריבער די גאס הונטער'ן באס און אויסקרויזן דעם באס פון הונטן איז א געפאר.

דעריבער ווען א סקול באס איז אפגעשטעלט און נעמט אויף אדער לייגט אראפ קינדער, זייט געלאסן און בלייבט אפגעשטעלט אפאר הונדערט פיס פון אלע זייטן, עס לוינט זיך צוווארטן די פאר סעקונדעס ווי איידער האבן עגמת נפש און צער, ווייל עס קען זיך שלעכט אויסלאזן.

# פובליק סעיפטי: "צופיל" חושד זיין רייניגונג-ארבייטער ברענגט פארקערטע רעזולטאטן

אין די לעצטערע ערב פסח וואכן, איז מען אין אידישע הייזער געווען פארנומען מיט'ן רייניגן דאס הויז און ארויסרוימען דעם חמץ, צום בעפארשטייענדן יום טוב פסח, און פארשטייט זיך אז מען נעמט הילף פון רייניגונג-גוי'טעס. דאס איז נישט קיין נייע זאך און גייט שוין אן פאר יארן לאנג. וואס עס איז אבער יא א נייע זאך, וואס מען הערט לעצטנס אל. מער און מער, איז דאס וואס מענטשן זענען זיי חושד אז זיי גנב'נען זאכן פון די הייזער וואו זיי רייניגן.

נישט אז מען האט נאך קיינמאל נישט געהערט אז די גוי'טעס גנב'נען, אבער לויט ווי די פובליק סעיפטי געבט איבער, האט זיך שטארק פארמערט דאס וואס מענטשן זענען חושד די גוי'טעס מיט סיי וועלכע זאך זיי פארלירן. פילע מענטשן רופן גלייך פאליציי אדער די פובליק סעיפטי אויב זענען זיי אז עפעס פעלט זיי נאכדעם וואס די רייניגונג גוי'טע איז געווען ביי זיי, און שפעטער נאכ'ן זוכן אביסל זעהט מען אז מען טרעפט דאס דארט וואו מ'האט דאס אליין איבערגעלאזט.

דאס ברענגט די פונקט-פארקערטע רעזולטאט, און ברענגט נישט אז די גוי'טעס זאלן וויייניגער גנב'נען. פילע גוי'טעס האבן זיך שוין זייער שטארק אויפגערעגט און זענען נאר מער געווארן אנגעפילט מיט האס און אנטיסעמיטיזם דורכדעם וואס מען האט זיי אומזיסט חושד געווען אין גנב'נען עפעס. אויך איז שוין געווען פעלער ווען די באטרעפענדע גוי'טעס האבן גאר אנגעקלאגט פארן אומזיסט חושד זיין. דער סך הכל ברענגט דאס אז זיי זאלן אפרעדן זייערע פריינט פון קומען אהער אין די שטאט צו טון רייניגונגס ארבעט, און עווענטועל ליידן די אידישע מאמעס דערפון וואס עס איז דא א מאנגל פון הילף פאר'ן רייניגן די הייזער.

דעריבער טוט די פובליק סעיפטי פירערשאפט אויפפאדערן אז מען זאל זיין זייער פארזיכטיג איידער מען איז חושד די גוי'טעס, און מען זאל זיכער מאכן עטליכע מאל גוט צו זוכן וואס מען האט פארלוירן, כדי צו זיין זיכער אז מען טרעפט דאס טאקע נישט און די צייט וואס עס איז פארלוירן געווארן שטימט גוט מיט די צייט וואס די גוי'טע האט גערייניגט אין שטוב. דערמיט וועט מען זיך שפארן קאפ-ווייי, עגמת נפש און חילול ה', און צוגיין צו ימים טובים און שבתים מיט א רואיגערן געוויסן.

# וויכטיגע אנווייזונגען צום בעפארשטייענדן זומער

ארויסגעגעבן דורך "פובליק סעיפטי"

אין די טעג גרייט מען זיך אין די שטאט קרית יואל צום אנקומענדן זומער, און ספעציפיש די פובליק סעיפטי גרייט זיך מיט פרישע באנייטע כוחות צו העלפן האלטן די שטאט רואיג און מיט פולקאמע סעיפטי בסייעתא דשמיא. אין ליכט פון דעם האט דער קאארדינעיטאר פון פובליק סעיפטי געבעטן איבערצוגעבן עטליכע גאר וויכטיגע אנווייזונגען פאר די איינוואוינער פון שטאט, וואס דורכדעם קענען די איינוואוינער צוהעלפן צו האלטן די שטאט ריין און פארזיכערט.

ערשטנס איז וויכטיג צו לייגן מער אויפמערקזאמקייט אויף דעם וואס די קינדער שפילן זיך אין די גאס מער אין די זומער טעג, וויבאלד דער וועטער איז זייער שיין און געאייגנט צו שפילן. פארשטייט זיך אז דאס ברענגט מיט זיך שווערע פאטענציאלע פראבלעמען און עגמת נפש ח"ו אויב מען איז נישט גענוג פארזיכטיג און מען ווייסט נישט די געפארן וואס דאס קען ברענגען.

די פובליק סעיפטי האט אין די לעצטע יארן געזען אין סטאטיסטיק אז עס האבן זיך פארמערט די פעלער דאהי אין שטאט וואס א קינד איז פארלוירן געווארן און מען האט געדארפט זוכן לאנגע שעה'ן ביז מען האט געטראפן דאס קינד. מען דארף אויך פארשטיין אז ווען מען רופט די פאליציי און אויטאריטעטן אז מען האט פארלוירן א קינד, לאזט מען זיך אריין אין ערנסטע פראבלעמען פון "טשיילד אביוז" קלאגעס, ווייל די אויטאריטעטן ווילן פרעגן ווער עס איז געווען פאראנטווארטליכט און ווער האט געהיטן דאס קינד בשעת עס איז פארשוואונדן געווארן.

דאס בעסטע איז ווען יעדע מאמע קען זיך אראפרייסן די שעה פונעם טאג נאכדעם וואס די קינדער קומען אהיים, צו זיין אין גאס מיט אירע קינדער און זיי היטן, וואס סיי מען פארשפארט זיך די קאפ-ווייי אז דאס קינד וועט מעגליך פארלוירן ווערן און סיי דאס קינד לערנט זיך אויס אז ער קען נישט גיין וואו ער וויל און די מאמע היט אים, וואס דאס איז וויכטיג פאר'ן חינוך אויך.

א צווייטע הויפט זאך וואס איז זייער וויכטיג צו געדענקען אויפ'ן זומער, איז דער פראבלעם פון טעקסיס. וויפיל מאל די פובליק סעיפטי פירערשאפט האט שוין געבעטן אז מען זאל נישט נוצן די גוי'אישע קאר סערוויסעס וועלכע האבן נישט די ספעציעלע "ליווערי פלעיטס", זענען פארט פארהאן אזעלכע וועלכע זוכן זיך נאך אלץ צו שפארן דאס ביסל געלט, אפילו מען שטעלט אריין זיך מיט די קינדער אין א סכנה.

און נאך אלעם אז יעדער וועט טון זיין השתדלות, איז צום האפן און מען קוקט ארויס צום באשעפער דער שומר עמו ישראל, אז דער זומער זאל אדורכגיין בלי שום מכשול, וד' ישמור צאתנו ובואנו לחיים ולשלום.

# אויטאריטעטן ווארענען איבער אפנעמען גוי'אישע ארבייטער ביים "שאפינג צענטער"

קרית יואל. - די פובליק סעיפטי פירערשאפט געבט אין די טעג איבער א גאר שארפע ווארענונג פון די פאליצייאישע אויטאריטעטן, איבער דעם וואס אסאך מענטשן טוען אויפנעמען די גאר נידריגע גויים וועלכע שטעלן זיך ביים שאפינג צענטער צו זוכן אביסל ארבעט. די פאליציי זאגן אז די חברה זענען גאר געמיינע און שעדליכע פארשוינען, און מיט'ן זיי געבן ארבעט קען מען זיך אליינס אנמאכן פראבלעמען.

איבער די לעצטערע יארן איז געווארן אזא אומעמטליכער איינפיר אז גויים שטעלן זיך אראפ ביים שאפינג צענטער און עס קומען פארשידענע מענטשן וועלכע זוכן פיזישע ארבעט און מען נעמט זיי אויף פאר א פאר דאלער איבער'ן טאג און דאן לאזט מען זיי ווייטער גיין. ספעציפיש אצינד אין די ערב פסח טעג, ווען מענטשן דארפן פארשידענע פיזישע שווערע ארבעט, האט מען געזען אז מער מענטשן האבן גענומען אזעלכע גויים.

דער פראבלעם איז אבער אז זייער אסאך פון זיי זענען אנטלאפענע קרימינאלן און מעגליכע דראג האנדלער, וואס דאס הייסט אז אויב עמיצער געבט זיי ארבעט פאר גרינע דאלארן באצאלט, שאפט מען זיך אומזיסטע קאפ-ווייי און מעגליכע פראבלעמען מיט'ן געזעץ, און די פאליציי האט שוין איבער די לעצטערע מאנאטן ארעסטירט פילע פון זיי, שטייענדיג ביים שאפינג צענטער.

דעריבער זאל מען פרובירן צו שטיין וואס ווייטער פון די גוים און אוודאי זיי נישט אפנעמען פאר ארבעט. די פובליק סעיפטי בעט אויך אז אויב באמערקט מען עפעס אומלעגאלע אקטיוויטעטן ביי די גוים דארטן, זאל מען דאס גלייך מעלדן און אזוי ארום האבן א טייל אין די זיכערקייט און הייליגקייט פונעם שטאט קרית יואל.

# ווילדזש באאמטע אפעלירן: נישט פארקן אויף א וועג וואס שטעלט מענטשן אין געפאר

קרית יואל איז א גרויסע שטאט מיט אסאך איינוואוינער, אסאך מאטאריסטן און אסאך אומגעדולדיגע דרייווערס, דערפאר פעלט זיך אויס פארזיכטיגקייט.

ספעציעל איז דאס וויכטיג ביים פארקן די אויטא, אפטמאל קען עמיצער פארקן די אויטא אויף א וועג וואס שטעלט מענטשן אין געפאר.

ספעציעל איז דאס פעליג ביים פארקן ביים קארנער פון א גאס, אדער ביי סיי וועלכן קארנער נעבן א דרייוועי וכדומה, אדער אן ארט פון וועלכע אויטאס קומען ארויס פון א זייטיגע שאסיי און ווילן מאכן א רעכטס אדער א לינקס אריין אינעם הויפט שאסיי.

די פראבלעם איז אז דער געפארקטער קאר הארט ביים קארנער שאפט א "בלינדן ארט" און ערמעגליכט נישט די דרייווערס וואס ווילן זיך ארייינדרייען אינעם הויפט שאסיי צו זעען געהעריג דעם טראפיק פון אלע ריכטונגען, אסאך מאל האט זיך דאס שוין ארויסגעשטעלט צו גורם זיין עקסידענטן און שיער עקסידענטן.

דעריבער דארף מען זיין געווארנט און בכלל נישט פארקן אויף די גאסן, ווער רעדט נאך פון פארקן אויפן סיידוואק, וואס דאס איז אומלעגאל און מען קען באקומען א גרויסע געלט שטראף דערפאר, נאר אין די דרייוועיס און אין די באשטימטע ערטער, און אויב מען מוז יא פארקן זאל מען דאס טאן פארזיכטיג אויף אן ארט וואו עס בלאקירט נישט דעם טראפיק און שטערט נישט ארייינפארער און ארויספארער פון האבן א געהעריגן ווייטן בליק פונעם טראפיק פארקער אויף ביידע ריכטונגען.

KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176


- טראנספארטעישאן דעפארטמענט -

# סדר פון טראנספארטעישאן

# "אסרו חג פסח"

די באסעס פאר כיתה א׳ ב׳ ג׳ ווען פארן אי"ה אום 10:40

די באסעס פאר כיתה ד׳ ה׳ ווען פארן אי"ה אום 11:00

די באסעס פאר כיתה ו׳ ז׳ ח׳ ט׳ וועלן פארן אי"ה אום 11:00

די באסעס פאר נוירסערי –העד סטארט יונגלעך וועלן פארן אי"ה 11:20

## בית רחל וועט זיין געשפארט

א כשר'ן פריילעכן פסח

די טראנספארטעישאן דעפארטמענט

נ.ב. אלע קינדער דארפן האבן געדאווענט און געגעסן פרישטאג אינדערהיים

# א בליק אין קרית יואל

## נייער סטעיט פאליציי קאמאנדיר קעפטעין קורלעק באזוכט אין קרית יואל ערב דעם יו"ט פסח

אין ליכט פון דעם וואס דער געוועזענער קעפטעין נעווינס איז מיט א צייט צוריק ערהויבן געווארן אין ראנג, איז אויפגענומען געווארן אין די לאקאלע פאליציי בערעקס א נייער זאון קאמאנדיר קעפטעין קורלעק וועלכער איז צו דעם געלעגנהייט געקומען אויף א וויזיט קיין קרית יואל אין באגלייטונג פון דעם קרית יואל לאו אינפארסמענט ליעזאן מר. פרעסטאן פעלטאן זיך צו באקענען מיט די שטאט און די ווילידזש באאמטע



דער מעיאר הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א באגריסט דעם נייעם פאליציי שעף און שמועסט אויס וויכטיגע טעמעס בנוגע דעם יו"ט פסח און דעם יומא דהילולא כ"ו ניסן הבעל"ט



דער פאליציי שעף פארשפרעכט א ווייטערדיגע צוזאמענארבעט מיט הנהלת קרית יואל אין יעדן געלעגנהייט



פון רעכטס צו לינקס: ר' משה לייב וויטריאל הי"ו פובליק סעיפטי דירעקטאר, דער נייער סטעיט פאליציי קעפטעין קורלעק, דער מעיאר הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א, קרית יואל לאו אינפארסמענט ליעזאן מר. פרעסטאן פעלטאן, הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו ווילידזש אדמיניסטראטאר



די לאקאלע פאליציי בערעקס נעבן קרית יואל





די גאסן פון קרית יואל ווערן גערייניגט לכבוד דעם יו"ט פסח

# הנהלת הקרי' פרעזענטירט גראנדיעזע פלענער פון געזונטהייט און דערפרישונג פראיעקטן אין נייעם "רוח החיים" קור ארט

(פארזעצונג פון זייט 2)

דעם פארק. דאס אויסהאקן דיביימער איז געווען גאר א שווערע פראצעדור, און האט געדארפט דורכגעפירט ווערן לויט די פונקטליכע פארשריפטן פון די ענווייראנמענטאלע אגענטורן. די ארבעט איז געטון געווארן אין די ווינטער חדשים פון תשע"א.

• ווען די ארבעט פון אויסהאקן די ביימער איז פארטיג געווארן, האט מען זיך גענומען צום נעקסטן שטאפל פון אויסגראדן דעם שטח. אזוי ווי דער פארק געפינט זיך אויף א גרויסן שטח פון 10 אקער לאנד וואס פארמאגט אין זיך העכערע און נידריגע ערטער, דעריבער איז איינס פון די וויכטיגסטע זאכן אויסצוגראדן דעם גאנצן שטח, אוועקצונעמען די בערג און אנצופולן די גריבער, צו קענען אהערשטעלן דעם פארק פאר'ן באנוץ פון די קינדער און ערוואקסענע. די ארבעט איז דורכגעפירט געווארן במשך דעם פארגאנגענעם זומער תשע"א.

• בשעת די ארבייט פון אויסגלייכן און צוגרייטן דעם שטח, איז אין די זעלבע צייט דורכגעפירט געווארן א באזונדערע ארבעט פון אריינציען די וואסער ליניעס אין דעם גאנצן שטח, וואס דארף גענוצט ווערן צו באוואסערן די גראז און ביימער איבערנאכט, און פאר די סינקס און די ביה"כ וואס וועט ווערן צוגעשטעלט אויפ'ן ארט. אזוי אויך איז אינסטאלירט געווארן די סוער און דרעינידש אפלויף וואס איז אויך געווען א טייל פון די ארבעט ביים צוגרייטן דעם באדן.

• ביים האריקעין פון ענדע זומער תשע"א האט דער פראיעקט אויך געליטן שאדנס פון די פארפלייצונגען, וואס דאס האט געברענגט עטליכע מאראסט פארשוועמונגען אויפ'ן שטח און די גאנצע גראז וואס איז שוין געווען געוואקסן איז פארשוועמט געווארן און צוגרונד געגאנגען, און אויף עטליכע ערטער האט מען אויך געדארפט צוריק אויסגלייכן די ערד. דאס האט געברענגט אז די ארבעט זאל זיך עטוואס פארלענגערן אבער די ארבעט איז גאר שנעל צוריק אריין אין שוואונג, מיט די ווייטערדיגע פאזעס פון גיסן די צעמענטענע קוירבס.

• אין די לעצטערע חדשים האט מען געגאסן די צעמענטענע קוירבס וואס טוען ארומנעמען דעם פארק, און די גרויסע ריטעינינג ווענט ביי די ערטער אין דעם פארק וואס ווערן העכער.

• אין די פארגאנגענע וואכן האט מען שוין געענדיגט בויען דעם ראוד וואס פירט אריין צו דעם רוח החיים קור-ארט, ווי אויך די פארקינג לאטס פאר'ן פלאץ איז שוין פארטיג. דאס צו בויען און אהערשטעלן איז געווען גאר א טייערע פראיעקט, וויבאלד דער ראוד קומט אויס העכער א "וועט-לענד" און מ'האט געדארפט בויען צוויי "ריטעינינג וואלס" וואס זאל צוריקהאלטן דאס וואסער פון אריינפליסן אויפ'ן ראוד, און א טונעל וואו דאס וואסער זאל קענען דורכלויפן פון אונטן. די ארבעט איז געטון געווארן דורך די CMC קאמפאני.

• די "דרענידזש" פאר די רעגן וואסער אויף אלע ראודס איז שוין געמאכט געווארן. אויך איז שוין פארענדיגט געווארן די ארבעט אויף צוויי קליינע לעיקס וואס די DEC האט פארלאנגט אז מ'זאל בויען, אז די רעגן וואסער וואס ווערט אפגעשווענקט פונעם פארק זאל צוויי מאל געריניגט ווערן בעפאר ס'קומט צוריק אריין אינעם גרויסן טייך וואס פירט די וואסער צו די ארומיגע איינוואוינער.

• אגב איז כדאי צו באמערקן, אז די ווילידזש האט אויפגענומען ספעציעלע אינזשענירן וואס זאלן באגלייטן יעדן דעטאל פון די ארבעט אז ס'זאל זיין אויסגעארבעט לויט די ענווייראנמענטאלעגעזעצן. פארשטייער פונעם DEC קומען טאקע כסדר אראפ צו פארזיכערן אז אלעס ווערט געמאכט הונדערט פראצענט געזעצליך לויט די פארשריפטן.

• אין עטליכע חלקים פונעם פארק האט מען שוין אריינגעצויגן די לעקטער, און אין די קומענדיגע חדשים וועט מען טון די איבריגע חלק פון די ארבעט.

• אין א גרויסן חלק פונעם פארק האט מען שוין געצויגן דאס וואסער. די סוער וועט געצויגן ווערן ווי נאר מ'וועט באקומען די נויטיגע פערמיטן.

• דער שטח פאר די געביידעס וואו ס'וועלן זיין די עקסערסייז אפטיילונג און די געשעפטן וכדומה, איז שוין אויסגעגראדט געווארן, און ס'איז שוין אויסגעגראבן געווארן צוצוגרייטן דעם פונדאמענט.

• דער גאנצער שטח איז שוין באוואקסן מיט שיינע גראז וואס מ'האט ספעציעל איינגעפלאנצט אז ס'זאל זיין שיין און געשמאק.

• די הנהלת הקרי' זיצט אפט מיט גרויסע אינזשענירן, ארכיטעקטן, פארק דעזיינערס, צו דעזיינען דעם פארק אז ס'זאל זיין גוט און באקוועם סיי פאר די גרויסע קינדער און עקסטער פאר די קלענערע קינדער.

## די אנדערע חלקים פונעם קור-ארט

במשך די נאכפאלגענדע צייט וועט בעז"ה ביסלעכווייז אויפגעשטעלט ווערן די אנדערע אפטיילונגען פון דעם קור ארט, ווי צ.ב.ש.

דער "אבות ובנים" אפטיילונג וועט זיין א הערליכע פלאץ צו לערנען טאטעס מיט קינדער אדער חברותות, מיט א רואיגקייט און מנוחה, אונטער די לופטיגע אטמאספערע. דער אפטיילונג וועט זיין א באזונדערע געשמאקע ווינקל, גענצליך אפגעטיילט פון די אנדערע חלקים פונעם פארק. עס וועט אויך האבן שענק מיט פילע ספרים יעדער לויט כאוות נפשו.

באזונדער וועט זיין ברייטע שפאציר-וועגן ארום די דארטיגע לעיקס, הערליך באלויכטן און שיין באצירט, און גענוג ברייט פאר די רוחניות'דיגע באקוועמליכקייט. די שפאציר-וועגן וועלן זיין ארומגענומען מיט א צוים פון ביידע זייטן, און בענק וועלן זיין אינסטאלירט מיט'ן פנים צום וואסער, כדי זיך צו קענען אפצורוען.

דער "צום געזונט" אפטיילונג וועט זיין א ספעציעלע בנין צו קענען מאכן איבונגען, על טהרת הקודש אויף אן אויסגעהאלטענעם אופן. עס וועט זיין אויסגעשטעלט מיט אלע נויטיגע עקוויפמענט, ריהעביליטעישאן רומס, אינסטראקטער קלאסן, און עס וועט האבן באזונדערע שעה'ן און באזונדערע לאבי און לאקער-רומס פאר מענער און פרויען. עס וועט אויך זיין דערנעבן אן "אינדאר סווימינג פול" אין א באזונדערע געביידע.

אין א עקסטערע אפגעזונדערטע ווינקל וועט זיך געפינען "זומער קלאסן" און שיעור שטיבלעך פאר קינדער, צו קענען פארברענגען אין א קעמפ אטמאספערע במשך דעם גאנצן טאג, מיט שיעורים און אקטיוויטעטן, און וועלן זיין געאייגנט צו לערנען, דאווענען, שפילן, עסן, און אזוי ווייטער. די קלאסן וועלן אויך קענען ארויסגעדינגען ווערן אויף א טאג, וואך, 2 וואכן וכדומה דורך מוסדות, גרופעס, קעמפס, דעי-קעמפס וכדומה, אלס אן אלטערנאטיווע 'טאג קעמפ' אנשטאט א פולע זומער קעמפ.

לויט'ן פלאן וועלן אויך זיין אויפ'ן ארט, עטליכע קלענערע געשעפטן וואס וועט שטיין צום פארפיגן פאר די באזוכער וואס קומען פארברענגען אינעם קור-ארט, צב"ש א קענטין, א מילכיגע און פארעווע טעיק-אוט, אן אייז-קרים געשעפט, און א גיפט שאפ פאר מתנות און אנדענקען וכדומה.

די ארבעט צו פארענדיגן דעם גאנצן קאמפלעקס וועט ווי פארשטענדליך נעמען א לענגערע צייט. עס דויערט צעביסלעך אהערצושטעלן אזא ברייטפארצווייגטע פראיעקט, און די הנהלת הקרי' שפאנט ב"ה שטאפלווייז.

אזוי ארום, שטייען מיר ב"ה אצינד ביי א פרישע רעאליטעט דא אין קרית יואל, וואס ברענגט אריין א "רוח החיים" אין אלע איינוואוינער, האבנדיג בשכינות אזא הערליך צוגעשטעלט פלאץ, א נעץ פון געזונטהייט געברויכן פאר יונג און אלט, וואו מען וועט קענען ארויסנעמען די קינדער אין א הייליג ווינקל, שפאצירן אין א אפגעהיטענע סביבה, מאכן עקסערסייז מיט די גרעסטע מאס צניעות, אדער זיך אראפזעצן לערנען מיט די קינדער במנוחת הנפש, אלעס: "על טהרת הקודש - נוסח קרית יואל"!

**TIMES HERALD-RECORD** | RECORDONLINE.COM | **EDITOR** MIKE CAREY: 346-3171 | MCAREY@TH-RECORD.COM



**THE PARK SITE**

The site of the park for Kiryas Joel residents is in a vast clearing in the woods beside Larkin Drive in Monroe is seen in this areial picture.

A wide entrance driveway has been cut through the woods from Larkin Drive, the roadway serving Harriman Commons shopping center.

**TOM BUSHEY**/Times Herald-Record

# Park construction advances

## Kiryas Joel site has lot, ramps

**BY CHRIS MCKENNA**
Times Herald-Record

**MONROE** – Construction of a park for Kiryas Joel residents is well under way in a vast clearing in the woods beside Larkin Drive.

The site is outside Kiryas Joel on land the village bought more than a decade ago. The village owns 90 secluded acres in that area and has used it for years to drill a series of wells to supply its population with drinking water.

Little is known about the park plans. Trees were cleared and construction began without a formal review or approval by the host Town of Monroe, which didn't object because its attorneys agreed that one municipality may build inside another without approval.

"The village has the right to be able to build, and we don't have oversight over it," Councilman Harley Doles said.

An entrance driveway has been cut through the woods from Larkin Drive, the roadway serving Harriman Commons shopping center. Workers have leveled land; paved a large parking area; and built a series of descending ramps, presumably for wheelchair access to whatever fields or equipment are installed.

It's unclear what facilities the park will offer, how much the project will cost and how the village will pay for it. Mayor Abraham Wieder and Administrator Gedalye Szegedin didn't return calls for comment.

The park could help fill a longtime void for a community that has thousands of young children but no large play area. Some Kiryas Joel families used to cross Route 17 to use Smith's Clove Park in Monroe, but commissioners began restricting access to that park in 2004 to residents of the Village of Monroe and unincorporated town areas, whose property taxes pay for it.

The state gave Kiryas Joel a $195,000 grant in 2001 to build a park, but village officials said several years later that they had canceled those plans and passed up the money.

There were conflicting accounts of whether the park being built off Larkin Drive would be restricted to Kiryas Joel residents. Village Attorney Don Nichol said he expected it to be open to anyone but probably used primarily by Kiryas Joel's Hasidic population.

Doles had a different take. "My understanding is it's only for the residents of Kiryas Joel, because no state or federal funds are being used."

By coincidence, Orange County recently opened a new park just outside Kiryas Joel on a corner of a rugged, 216-acre tract that once served as a Catholic retreat area. Gonzaga Park, which is temporarily closed but expected to reopen soon, has an athletic field and offers access to the Long Path hiking trail. The field is longer and wider than an American football field to accommodate Gaelic football games.

*cmckenna@th-record.com*

# תושבי קרית יואל זענען מתפלל און קוקן ארויס אויף "גשמי ברכה"

(פארזעצונג פון זייט 9)

געברויכן פון די הייליגע שטאט בלייבן חלילה נישט שטעקן פונקט אין אזא קריטיש וויכטיגע צייט.

דער פארלאפענער ווינטער איז געווען אויסטערליש א ווארעמער. דוכט זיך אז דערמיט דערציילן מיר קיינעם נישט קיין נייעס. קעגן די אלע 'נביאות'ער' איבער א קאלטן ווינטער, וואס האט זיך כמעט ווי באשטעטיגט מיט דעם רעקארד הויכן שניי געציילטע טעג נאך יו"ט סוכות, האבן דוקא די ווארעמע טעמפעראטורן געבראכן רעקארדס.

ס'איז זיך פארצושטעלן אז דער גרעסטער טייל פונעם ציבור האט זיך נישט ממש אפגערעדט אויף די נידריגע או-ענד-אר בילס... אבער אינעם וואסער דעפארטמענט האט מען דוקא גוט געשוויצט פון די ווארעמע טעמפעראטורן.

עס צו לייגן אין ציפערן וועלכע זענען לייכט צו פארשטיין, איז אין די פארלאפענע פינף מאנאטן זינט נאוועמבער - די עיקר צייט אינעם יאר וואס דער רעגן און שניי פאלן, ווערן גערעכנט די פינף מאנאטן צווישן נאוועמבער און מארטש/אפריל - געפאלן אין קרית יואל א רעקארד נידריגע 12.53 אינטשעס פון רעגן (שניי אריינגערעכנט), וואס איז דער שוואכסטער רעגן-פאל אין וויניגסטנס צען יאר! און דאס איז שוין נאכדעם וואס פאריאר אין דער צייט איז אויך געפאלן א רעקארד נידריגע 17.89 אינטשעס רעגן. מ'דארף צוריקגיין ביז '04 ווען עס איז געפאלן 17.64 אינטשעס, און יענץ איז געווען נאך א גוטן יאר פון 22.51 אינטשעס אין '03!

געוועלנליך איז יעדן יאר ענדע ווינטער די צייט וואס די טייכן, קאנאלן, און דרענידזש סיסטעם ווערן פארפלייצט מיט די אויפגעלאזטע שנייען און פאלנדע רעגן. עס איז בחסדי השי"ת פונקט גוט אויסגערעכנט אנצופילן די וואסער רעזערווארן אין צייט פאר די פסח טעג - וואס אין די וואכן ווערן פארנוצט אן אויסטערלישע צאל גאלאנען וואסער, א דאנק די אומערמידליכע ק'ראצן, ש'ארן און ר'ייבן פון נשים צדקניות אין פארברייטונג צום פסח.

נאכמער, דאס וואסער פילט בדרך כלל אויך אן די אונטערערדישע קוואלן מיט גענוג וואסער וואס זאל קלעקן דורכאויס דעם גאנצן זומער.

מ'דארף אויך נעמען אין באטראכט אז די רעגנס וועלכע פאלן דורכ'ן זומער בלייבן נישט גענוג לאנג שטיין אין די אונטערערדישע קוואלן און זיי זענען נישט פון צופיל נוצן פאר די שטאט, אויסער אין זעלטענע פעלער. ספעציעל די סארט פלייצנדע רעגנס וועלכע קומען אראפ מיט א גאר שטארקן קראפט, וואס זיי שווימען באלד אוועק פון די היגע קוואלן (אזוי צב"ש, טראץ וואס דער רעגן שטאפל איבער'ן גאנצן יאר איז עטוואס העכער, א דאנק די שטורמישע רעגנס פון "האריקעין איירין", האט עס אבער ווייניג גענוצט אנצופילן קרית יואל'ס וואסער רעזערווארן אין די אונטערערדישע קוואלן, אדרבה, אין א געוויסן זין האט עס גאר געשאדט).

צו דעם דארף מען אין באטראכט נעמען דעם פריידיגן פאקט איבער'ן וואוקס פון די הייליגע עיר ואם בישראל. אין די שטאט קרית יואל קומען צו יערליך א קיימא לן פון אריבער טויזנט נפשות, כן ירבו בליעה"ר, און לויט די רעכענונג אז יעדעס נפש פארנוצט לערך 50-60 גאלאן וואסער טעגליך, מיינט עס אז יאר איין יאר אויס וואקסט דער טעגליכער וואסער באנוץ מיט ארום 60,000 גאלאן וואסער!

די ארבעט פון צושטעלן דאס וואסער ליגט, נאטורליך, אויף די פלייצעס פון די ווילידזש וואסער דעפארטמענט.

זייער אסאך איז שוין געזאגט און דערציילט געווארן איבער די אומאויפהערליכע באמיאונגען פון די ווילידזש צו שטילן דעם דורשט פון די צענדליגער טויזנטער קרית יואל'ער איינוואוינער, כקטון כגדול, אבער "הרבה יותר ממה שקריתי לפניכם", די ארבעט וואס ווערט אריינגעלייגט איז אומגעהויער מער ווי דאס וואס איר זעט און הערט פון צייט צו צייט איבער די שפאלטן פון "הקריה" און אנדערשוואו.

למעשה האט מען אבער דערגרייכט א שטאפל אז די קוועלער פון די גאנצע אומגעגנט ווערן שוין אויסגענוצט צו א מאקסימום. דער לעצטער גרויסער צוגעקומענער וואסער-פלוס איז דורכגעפירט געווארן מיט צוויי יאר צוריק, ווען דער ווילידזש האט איבערגעפרישט א גרויסן וואסער קוואל נעבן ביהמ"ד הגדול, וואס מ'האט שוין נישט געהאט גענוצט א שטיק צייט, און נאכ'ן אריינלייגן גרויסע געלטער האט מען באוויזן צו פארשאפן פרישע אריבער הונדערט טויזנט גאלאנען וואסער טעגליך. אבער זינט דאן איז שוין קרית יואל געוואקסן מיט נאך טויזנטער נפשות, וואס באדייט א געברויך פון נאך א הונדערט טויזנט גאלאן וואסער יעדן איינציגן טאג, אבער קיין פרישע קוועלער זענען מער נישט צוגעקומען.

מ'קען זיך יעצט שוין אביסל בעסער פארשטעלן פארוואס דער ווילידזש וואסער דעפארטמענט האט זיך נישט אזוי שטארק אפגערעדט אויף די רעגנס וועלכע האבן אייך אפשר אביסל געשטערט אין די ערב יו"ט'דיגע הכנות...

צוויי וואכן פאר פסח האט מען געקוקט מיט פארצווייפלונג אויף די וואסער שטאפלען וועלכע האבן געהאלטן אין איין נידערן, און דער וואסער באנוץ האט געהאלטן אין איין ארויפגיין מיט יעדן פארבייגייענדן טאג, אויסשעפענדיג אריבער 2 מיליאן גאלאן וואסער אין איין טאג קעגן א געוועגליכן באנוץ פון בלויז 1,500,000 גאלאן וואסער א טאג.

אבער גלייכצייטיג איז מען נישט געזעצן מיט פארלייגטע הענט און געווארט אויף א נס. די וואסער דעפארטמענט באאמטע זענען ארומגעלאפן איבער די גאנצע שטאט און אויסגעזוכט וואו מ'האט נאר געטראפן דאס מינדסטע לאך פון וואו ס'ליעקט ארויס וואסער און זיכער געמאכט עס צו פארשטאפן, וואס אזוינע 'לעכלעך' קענען זיין גאר קריטיש אין א צייט וואס די שטאט איז אנגעוויזן אויף יעדן טראפן וואסער. מיט א ספעציעלע אינדזשענירונג זענען די וואסער טענק געווארן באגלייט יעדע טאנק באזונדער, לויט וויפיל עס איז די באנוץ אין יענע שעה, וויפיל ארויסצולאזן, און פון וועלכע טאנק פריער און וועלכע שפעטער, וואס דאס איז א קאמפליצירטע ארבעט וואס איז שווער אין די ראמען פון א נייעס דאס מסביר צו זיין.

אזוי אויך זענען מעכאניקער ארומגעגאנגען פון איין קוואל צום צווייטן זיכער צו מאכן אז די פאמפס וואס ברענגען ארויף די וואסער זענען און פולסטן קראפט און נעמען ארויס דאס מאקסימום בעז"ה, און פאר יעדע מינדענסטע ריפעיר זאל מען עס קענען פארעכטן ביז מינוטן, אנשטאט ווי געוועגליך ווען מען קען זיך באגעניגן מיט אן איבערזיכט איין מאל יעדע עטליכע טעג.

ווען עס איז געקומען ערב שבת הגדול און מען האט שוין געהאפט אויפ'ן 'בא שבת בא מנוחה' ווען די וואסער באנוץ לאזט נאך און עס איז א צייט וואס די רעזערוו טענק קענען זיך עטוואס אנפילן פאר די ווייטערדיגע וואכן טעג, איז עס געקומען צו א קלימאקס מיטאג צייט ווען די הכנות צום שבת מיט די הכנות צום יו"ט פסח האבן אינאיינעם אויסגעטרינקען די אלע וואסער טענק, און אין איילעניש האט מען געמוזט אפירנעמען דעם אלטן איינפיר און צאלן ריזיגע געלטער אויף אריינצוברענגען עטליכע טראקס מיט וואסער - יעדע איינע פון 6,000 גאלאן - וואס זאלן אנפילן די טאנקען און רעזערווארן וועלכע האבן זיך געהאלטן אין איין אויסליידיגן.

חסדי השי"ת האט מען ב"ה אדורכגעשוויצט די ערב פסח טעג-ביזדערווייל גייענדיג צום דרוק- און עס איז דערווייל נישט געקומען צו קיין קריזיס, אזוי אז רוב תושבי קרית יואל דארפן ווארטן צו ליינען די נייעס און געוואויר ווערן איבער די אנגסט און שפאנונג וואס האט געהערשט טעגליך אינעם אפיס פון די ווילידזש וואסער דעפארטמענט.

אין די זעלבע צייט דארף מען אבער דערמאנען פאר תושבי קרית יואל אז דוקא יעצט איז די צייט מתפלל צו זיין צום טאטן אין הימל געבענטש צו ווערן מיט גשמי ברכה, אויף די בעפארשטייענדע זומער טעג ווען אויסער די צוקומענדיגע זומער איינוואוינער איז די געברויך פאר וואסער מער ווי א גאנץ יאר, און די קרית יואל באפעלקערונג וואקסט אויך פון טאג צו טאג ב"ה, און אז די געוואלדיגע באמיאונגען פון די ווילידזש באאמטע אין אהערשטעלן דעם לאנג ערווארטעטן און אזוי קריטישן וואסער פייפליין זאלן געקרוינט ווערן מיט די פולסטע הצלחה, און זיי זאלן באוויזן וואס שנעלער צו קענען ענדיגן דעם לעבנסוויכטיגן פראיעקט, וואס זאל פארמיידן די הייליגע שטאט פון זיך צו טרעפן איין טאג חלילה מיט א וואסער קריזיס וואס וועט נישט קענען געלעזט ווערן דורך וואסער טראקס און פארמאכן ליעקס.




**דיאגראם וואס ציינט א דעטאלירטן באריכט וויפיל אינטשעס רעגן עס איז געפאלן במשך די ווינטער חדשים אין לויף פון די לעצטע 10 יאר, מערקט אז היי יאר איז געפאלן וויניגער רעגן ווי אין די אלע יארן**

# פעדעראלער ריכטער שיקט צוריק וואודבערי קעיס צום סטעיט געריכט

(פארזעצונג פון זייט 7)

צו מאכן א רייע פון געזעצן בלויז צו באגרעניצן איין קאמיוניטי - וועט קענען קומען צו אן ענדע, זענען זיי דעריבער אויפגעקומען מיט א המצאה צו לויפן אין פעדעראלן געריכט, מיט א פאלשע האפענונג אז אפשר דארט וועט זיי יא געלונגען אנצוטרעפן א ריכטער וואס זאל זיין מער סימפאטיש צו זייער דיסקרימינאציע.

תלי"ת איז פאריגן דאנערשטאג פ' צו, אינעם חודש אשר ישועות בו מקיפות, געקומען די גינסטיגע נייעס, אז דער פעדעראלער ריכטער עדגארדא ראמאס, וועלכער איז פאראיאר אריינגעשטעלט געווארן אין אמט דורך פרעזידענט אבאמא יר"ה, און דינט אינעם סאוטערן דיסטריקט פון ניו יארק אין ווייט פלעינס, האט אנגענומען די טענות פון דעם גאר געניטן שטאב פון קרית יואל'ס אדוואקאטן, ער האט ארויסגעווארפן דעם פארלאנג פון וואודבארי און צוריקגעשיקט דעם קעיס צום סטעיט געריכט.

האפנטליך וועט דאס זיין דער גוטער אנהייב צו א פריילעכע ענדע, וואס וועט בעז"ה ברענגען א סוף צו די כסדר'דיגע פרואוון פון די ארומיגע שכנים אפצוהאלטן דעם הערליכן בליה און וואוקס פון די שטאט וועלכע איז אויפגעשטעלט געווארן דורך רביה"ק זי"ע, און בכוחו ובזכותו של אותו זקן וועט די שטאט ווייטער זיך אויסברייטערן ימה וקדמה צפונה ונגבה, מיט הערליכע בתים נאמנים לה' ולתורתו וועלכע פירן זיך בדרכי אבותינו ורבותינו הק' אן קיין שום שינוי, ווי זיין לעבנס-וואונטש איז אלעמאל געווען.

# כראנאלאגישע בילדער פרעזענטאציע פון די שנעלע אויפבוי
# פון נייעם ביהמ"ד "ישמח משה דקיט"ל" אין "שכונת ברך משה"



חשון תשע"ב, דער טראקטאר הייבט אן צו גראבן אויף דעם שטח



כסליו תשע"ב מען גיסט שוין דעם פוטינג פאר'ן פונדאמענט



טבת תשע"ב, מען גרייט זיך צו גיסן דעם פונדאמענט פונעם בנין




שבט תשע"ב, דער צעמענטענער פונדאמענט שטייט גרייט מען זאל קענען ארויפציען די ביעמס




אדר תשע"ב, מען הויבט אן ארויפציען די שטאלענע ביעמס פון די געביידע




אחר פורים תשע"ב, דער גאנצער שטאלענער סטרוקטשור שטייט אין פולן פראכט

# כראנאלאגישע בילדער פרעזענטאציע פון די שנעלע אויפבוי
# פון נייעם ביהמ"ד "ישמח משה דקיט"ל" אין "שכונת ברך משה"




ר"ח ניסן, מען לייגט שוין ארויף די "פלענקס" אויף די אונטערשטע שטאק




ערב שבת הגדול, מען האלט שוין ביים דאך...

## תושבי שכונת ברך משה ברענגען אריין אומגלויבליכן היסטארישן סכום פון "איבער א מיליאן דאלאר" ביים מעמד "יסוד הבית" למען הקמת מקדש מעט



כ"ק מרן רבינו שליט"א באטייליגט זיך ביי מסיבה פון תושבי השכונה לטובת בניית הביהמ"ד



תושבי השכונה שטייען אין לאנגע רייען איבערצוגעבן נדבת לבם לידו פון כ"ק מרן רבינו שליט"א



דער שטר הסכם וקניית זכות וואס איז געשלאסן געווארן מיט די חשוב'ע נדבנים שיחיו



כ"ק מרן רבינו שליט"א באזוכט אויפ'ן ארט ביי א געלעגנהייט פון א שמחה בבית חתנו הגה"צ רב הביהמ"ד

# מהנעשה והנשמע בחודש אדר אין היליגן מוסד שערי חמלה

**די תלמידים פון שערי חמלה האבן פרעזענטירט א הערליכן מארטש על שולחן מלכים ביים עריכת שולחן הטהור פון כ"ק מאן רבינו שליט"א ביום שושן פורים העעל"ט, ביי וועלכן די בחורים האבן געברענגט "משלוח מנות" א פעסל וויין פאר'ן רבי'ן**



די תלמידים פון שערי חמלה גרייטן זיך צו ארייננצוקומען בהיכל הביהמ"ד אין באגלייטונג פון די איבערגעגעבענע מלמדים ר' מיכל פעלדמאן הי"ו און ר' ארי' הערשקאוויטש הי"ו



די בחורימ'לעך מארשירן על שולחן מלכים



איינע פון די חשוב'ע בחורימ'לעך לייענט פאר ברבים דעם אויפשריפט וואס איז געשריבן געווארן אויף די מתנה, ווערט געזען דער איבערגעגעבענער מלמד ר' יצחק גרינפעלד הי"ו



דער סגן מנהל פון שערי חמלה הר"ר אהרן וואלף פאלאטשעק הי"ו נעמט א ברכה פונעם רבי'ן





לכבוד חודש אדר "מזל אדר דגים" זענען די תלמידים פון שערי חמלה געפארן אויף אן אויספלוג צו אן אקוואריום פון זעלטענע סארט פישן

# מהנעשה והנשמע בחודש ניסן אין היילינגן מוסד שערי חמלה

**די תלמידים פון שערי חמלה אינאיינעם מיט זייערע מלמדים האבן געפראוועט א ריירענדע יארצייט סעודה לע"נ דעם אומ-
פארגעסליכן איבערגעגעבענעם מענעדזשער פון שערי חמלה הרה"ח ר' דוד יודא (דוד לייב) ב"ר אברהם שלמה גרינפעלד ע"ה**



די שיינע יארצייט סעודה אין אודאטאריום זאל פון שערי חמלה



הרה"ח ר' ידידי' פישער שליט"א מנהל
שערי חמלה לערנט פאר משניות לע"נ הנפטר

**לכ' פסח האבן די תלמידים פון שערי חמלה באזוכט אין דעם "קרית יואל מצה בעקעריי"
אינאיינעם מיט זייערע מלמדים און באטראכט די ארבייט פון באקן די מצות אויף יו"ט פסח**



באזוכנדיג ביי דעם הייסן מצה אויוון



הרה"ח ר' ידידי' פישער שליט"א מנהל שערי חמלה
ווארפט אריין א שטיק האלץ אנצוהייצן דעם אויוון





דער מנהל בית האופה הרה"ח ר' יצחק אייזיק לעווי טיילט א שטיקל מצה פאר אלע בחורימ'לעך

# KIRYAS JOEL MLDC
# HEAD START
# UNIVERSAL PRE-K PROGRAM

---

WE WOULD LIKE TO ANNOUNCE

## REGISTRATION FOR THE 2012-2013 SCHOOL YEAR

FOR BOYS AND GIRLS

**STARTING TUESDAY, MARCH 20, 2012**

To Receive Your Pre-Registration Form,
Please Call Our Office Between 10:00 a.m. and 2:00 p.m. at:

**783-0990** Ext. 105

- Children With Special Needs Are Welcome.
- No Pre-Registration Form Will Be Sent Out Prior To This Date.
- Head Start is a Low-Income Program. You Must Meet Federal Guidelines to be Eligible.
- Proof of Income, Birth Certificate, and Immunization Record are Needed to Pre-Register.

---

מיר ווילן מודיע זיין אז אי"ה
דינסטאג פרשת ויקרא הייבט זיך אן

---

## רעגיסטרעישן
## פאר די קומענדיגע יאר

פאר אינגלעך און מיידלעך

---

צו באקומען אייער Pre-Registration Form ביטע רופט:

**783-0990** Ext. 105




# מצילי אש אפטיילונג

## פלינקע האנדלונג פון מצילי אש מיטגלידער ראטעוועט ב"ה אפ קינד ביי עקסידענט אין שיכון סקווירא

א געשיכטע האט זיך פארגאנגענעם דאנערשטאג אפגעשפילט אין שיכון סקווירא ווען א קליין קינד וועלכע איז געפארן אויפ'ן שאסיי איז געשעדיגט געווארן אין אן עקסידענט מיט א טראנספארטאציע ווען פון א לאקאלע העלט צענטער.

עס האט פאסירט אויף די ווילסאן לעין גאס אין סקווירא, ווען דאס קינד איז געקומען צו לויפן אומבאמערקט פון די גאס, און פאר וואס ווען וואו איז דאס קינד'ס פיסל פארכאפט געווארן אונטער די אונטערשטע רעדער פונעם טראנספארטאציע ווען.

דא האט זיך ארויסגעשטעלט די געוואלדיגע סייעתא דשמיא, ווען דארטן איז פונקט אנוועזנד געוועז איינע פון די באגאבטע מצילי אש וואלונטירן, וועלכער האט געהערט דעם עמוירדזשענסי רוף, און האט געהאט אין טראק גרייט א מאכטפולן "דזשעק", און איז בליץ שנעל צוגעפארן און האט אונטערגעהויבן דעם ווען און געהאלפן באפרייען דאס קינד.

אויך איז אים גוט צוניץ געקומען די לאנגע שווערע טרענירונגען אין "עקסידענט סצענע רעסקיו" טאקטיקן וואס ווערט געלערנט מיט יעדן מצילי אש וואלונטיר, און ער האט געהאלפן פארזיכערן די סצענע דורך אונטערלייגן ברעטער אויפ'ן פאסיגן פארנעם אונטער'ן אונטערגעהויבענע ראד פונעם ווען כדי עס זאל נישט צוריק אראפפאלן, וואס דאס איז די סטאנדארד פראטאקאל, ווארום בלויז אויף א "דזשעק" טאר מען זיך נישט פארלאזן.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס קינד איז ברוך ה' נישט געשעדיגט געווארן און האט זיך נישט צעבראכן קיינע ביינער, דאס קינד איז אפגעפירט געווארן אין שפיטאל פאר אבזערוואציע און איז נאכדעם באפרייט געווארן געזונט און פריש.

מיר וועלן איבערגעבן דאס ווארט פאר'ן מצילי אש מיטגליד צו שילדערן די געשעעניש וויאזוי עס האט פאסירט.

רעדאקציע: וויאזוי זענט איר דארטן אנגעקומען?

מצילי אש וואלונטיר: איך בין פערצופאל געווען אין די געגנט פון סקווירא זייענדיג מיט'ן ארבעטס טראק צו טון א דזשאב ביי א איד'ס היים. שפעטער איבערטראכטנדיג האב איך זיך געכאפט אז דאס איז גארנישט געווען אזוי פערצופאל, ווארום איך האב שוין געדארפט גיין דארטן מאנטאג, און איך האב דאס אפגעשטופט אויף דינסטאג און דאן אויף מיטוואך און ערשט דאנערשטאג האב איך זיך געקענט מאכן צייט אנצוקומען אהין, וואס דאס איז געווען טאקע אויסגערעכנט בהשגחה פרטית.

רעדאקציע: וויאזוי האט איר געהערט דעם הצלה רוף?

מצילי אש וואלונטיר: איך האב דאן געהאט געפארטיגט די ארבעט, און איך האב זיך געשטעלט אין די זייט מיט'ן ארבעטס טראק כדי זיך מסדר צו זיין און זען וואס איז ווייטער אויפ'ן סקעדזשול. פלוצלינג הער איך געשרייען פון סירענעס און אלארמען, און זייענדיג 'אין די ליין' האב איך אינסטינקטיוו אנגעצינדן דעם ראדיא צו הערן צי מען קען העלפן.

רעדאקציע: וואס האט איר געהערט?

מצילי אש וואלונטיר: די קאל וואס איז אריינגעקומען איז געווען פחדים'דיג: "א קינד איז אנגעטרעטן געווארן דורך א באס!", אבער נאך ארגער איז געווען די געשריי וואס איך האב געהערט אויפ'ן ראדיא פון איינע פון די הצלה מיטגלידער: "דאס קינד ליגט נאך אונטער די רעדער!"

רעדאקציע: וואס איז געווען אייער

(פארזעצונג אויף זייט 26)








די סצענע וואס האט זיך אפגעשפילט אין שיכון סקווירא וואו מען איז ב"ה אפגעקומען בלויז מיט שרעק א דאנק די פלינקע ארבעט פון א מצילי אש וואלונטיר

## מצילי אש ראטעוועט אפ פאמיליע פון פייער געפאר שושן פורים פארטאגס

די מצילי אש אגענטור האט פריש אפגעראטעוועט א גאנצע הויז מיט איינוואוינער פון א פייער און דאס מאל האט דאס פאסירט שושן פורים אין די פארטאגס שעה'ן.

עס איז געווען שושן פורים דריי אזייגער פארטאגס אויף די אוהעל קט. גאס, יעדער האט זיך שוין געלייגט שלאפן זייענדיג אפגעמאטערט פון די עבודת הפורים, און פלוצלינג דערוועקט זיך דער ראש המשפחה און שמעקט א פייער גערוך, און ער זעט ווי די הויז איז אנגעפילט מיט רויך.

עס האט זיך געהאנדעלט אין א גרויס הויז מיט מער ווי איין שטאק, די סמאוק דעטעקטאר האט זיך נישט צעקלינגען נאר בחסדי ה' האט זיך דער איד דערוועקט פון זיך אליינס. די מצילי אש איז ארויסגערופן געווארן, מען האט ארויסגעפירט יעדן פון הויז און מען האט זיך גענומען זוכן בשל מי הרעה הזאת, וואו ברענט פון וואו קומט דער דיקער רויך און די גערוך?

מען זוכט און מען זוכט און מען טרעפט גארנישט. די מצילי אש וואלונטירן האבן נישט אויפגעגעבן און האבן אפירגענומען דעם "היץ דערשפירער קאמערא" וואס דער ווילידזש האט איינגעקויפט ספעציעל פאר דעם צוועק, און מען האט זיך גענומען זוכן גרונטליך, דורכגייענדיג יעדן צימער אינעם דיקן רויך, און אט האט מען געפונען דעם געפאר.

נעמליך: אויפ'ן פאדלאגע אין איינע פון די צימערן איז אויפ'ן קארפעט געליגן דער "האט פלעיט" - וואס אויף דעם האט מען געהאט ארויפגעלייגט די געפילטע קרויט זיך איבערצואווארעמען... און די קישקע שוין לכבוד שב"ק - איבערגעדרייטערהייט מיט'ן פנים אראפ...

עס שטעלט זיך ארויס אז אינמיטן די נאכט איז די "האט פלעיט" אראפגעפאלן אויף דער ערד, און האט זיך גענומען אונטערהייצן דעם קארפעט און די פלייוואוד פאדלאגע אונטער דעם, און עס האט נישט געהאלטן ווייט אז דער גאנצער ארט זאל אויפרייסן אין פלאמען.

דאס אלעס האט מען בשום אופן נישט געקענט באמערקן אין די פינסטערע שטיבער און אינעם געדיכטן רויך, און נאר א דאנק די "היץ דערשפירער קאמעראס" - וואס קאסטן 10,000$ א שטיק - וואס דער ווילידזש האט זיך איינגעשאפן פאר די הצלות נפשות ארבעט פונעם מצילי אש דעפארטמענט, האט מען באוויזן אפצוראטעווען א אידישע שטוב עס זאל נישט אויפגיין אין פלאמען.

די מצילי אש וואלונטירן האבן אפגעגעבן א שבח והודאה פאר'ן רבונו של עולם אז מען האט געפונען דעם קוואל פונעם רויך נאך פאר עס איז געווארן ריכטיגע פלאמען, און מען האט ארויסגעגעבן א ווארענונגס רוף פאר די איינוואוינער אז לאזן א "האט פלעיט" איבערנאכט איז נישט קיין געוואונטשענע זאך, אפילו שב"ק איז אן עצה טובה אנצושטעלן א שבת זייגער אז נאכ'ן שבת'דיגן מיטאג סעודה זאל זיך דאס פארלעשן, און אז מען טוט דאס שוין יא מוז מען דאס לייגן אויף א וועג אז עס זאל נישט אראפפאלן.

די אזהרות זענען ספעציעל וויכטיג יעצט ווען עס קומט דער הייליגער יום טוב פסח, ולמזהיר ולנזהר שלומים תן כמי נהר.

# מצילי אש העלפט פארמיידן פייערליכן פורים ביי אידישע הייזער

## 'הרצים יצאו דחופים' גלייך נאך די מגילה, צו ראטעווען האלעפצעס איבערגעלאזט אויפ'ן פלאם

מיר פסק'נען טאקע "אין עושין מצות חבילות חבילות", אבער פארט האט דאס פאסירט אז פארגאנגענעם פורים צונאכטס האבן מענטשן איבערגעלאזט טעפ צו קאכן אויפ'ן פלאם, כדי יוצא צו זיין מצות קריאת המגילה און סעודת פורים אויפאיינמאל.

די איינוואוינער אינעם עצי תמרים געגנט נאנט צום מצילי אש פייער סטאנציע, זענען דערציטערט געווארן פורים אויפדערנאכטס גלייך נאך קריאת המגילה ווען די פייער אלארמען האבן זיך צעקלונגען, און מען האט געזען עטליכע מצילי אש פייער טראקס זיך יאגן אין שטאט אריין מיט יאמערליכע קולות. די איינוואוינער האבן דאס צוגעקוקט מיט פארצאפלטע הערצער, קוקנדיג מיט זארג וויאזוי עס האט זיך געמאכט שריפות טאקע ביים אריינטרעטן אין פרייליכן יום טוב פורים.

ווי עס שטעלט זיך ארויס איז דאס געווען פונעם קאטעגאריע פון פייער רופן וועלכע זענען שוין גאר באקאנט פאר די מצילי אש באאמטע, נעמליך מען לאזט עסן אויפ'ן געז רענדזש און מען גייט ארויס פון שטוב.

פורים אויפדערנאכט האט די מצילי אש אגענטור זיך געספראוועט מיט צוויי ערנסטע פייער קאלס וואס זענען אריינגעקומען תיכף נאך קריאת המגילה.

איינס האט זיך געהאנדעלט מיט א פאמיליע וועלכע האט אריינגעלייגט די פורים חלות אינעם אויוון זיי איבערצוואוארעמען פאר די פורים סעודה, און מען איז אינצווישן געגאנגען הערן די מגילה, די חלות זענען נישט געשטאנען אין אויוון ליידיג, זיי זענען געווארן איבערגעהיצט און עס איז געווען הבערה ללהב יוצאת, און דער גאנצער אויוון האט זיך גענומען פלאקערן אזש אז מען האט געזען לעבעדיגע פלאמען שפרינגען אינעם אויוון, עס איז בכלל נישט געווען קיין פורים שפיל.

די הערואישע מצילי אש וואלונטירן זענען שנעל אנגעקומען צום ארט און האבן גענוצט זייערע וואסער קאנעס אויסצולעשן די פלאמען און אזוי האט מען אפגעראטעוועט א גאנצע אידישע שטוב פון חרוב ווערן, אבער די עגמת נפש פון די רויך און גערוך און די פארברענטע חלות האט מען שוין נישט געקענט אפמעקן.

א צווייטן ענליכן אינצידענט האט פאסירט פורים אויפדערנאכט טאקע אין די זעלבע צייט, ווען א פאמיליע האט אראפגעשטעלט א טאפ מיט געפילטע קרויט זיך צו קאכן, און מען איז אינצווישן געגאנגען אויסגיסן דעם צארן אויף המנ'ס קאפ ביי די מגילה, אינצווישן האט דער טאפ גענצליך אויסגעקאכט און אינעם קיך איז געווארן א שריפה אז נאר, איר גלויבט אפילו נישט וואס א טאפ געפילטע קרויט קען אנמאכן, אבער פרעגט נאר די מצילי אש וואלונטירן וועלכע האבן דאס אליינס צוגעזען.

אויך ביי דעם פאל האט קיין סאך נישט געפעלט אז דער גאנצער קיך זאל אויפגיין אין פלאמען און עס זאל זיין א פארשטערטער פורים פאר עטליכע אידישע משפחות. דער באשעפער האט געהאלפן אז מען האט געקענט שנעל אויסלעשן די פלאמען און מען איז אפגעקומען מיט די בהלה און די שמוץ וואס די וואסער, פייער רויך און גערוך האבן איבערגעלאזט, און אנשטאט געפילטע קרויט האט מען געהאט אש.

ביי ביידע פאמיליעס האט די מצילי אש געמוזט לאזן ריזיגע פענס ארויסצוציען דעם רויך און די גערוך פון די שריפה.

דעריבער בעטן זיך די מצילי אש וואלונטירן צו כל הקהל הקודש אין קרית יואל און בפרט צו די נשים צדקניות, ביטע נישט לאזן עסן קאכן אינעם טאפ אויפ'ן געז רענדזש אדער בעקעלעך באקן אין אויוון און ארויסגיין פון שטוב, ווארום דאס ענדיגט זיך זייער אסאך מאל נישט גוט, און איר ווילט זיכער נישט זיין דער וואס איז גורם א שריפה אין אידישע הייזער, און צענדליגער טויזנטער אין אידישע נכסים קענען חרוב גיין.

# היימיש-געמאכטע גאז און עלעקטערישע פארבינדונג האט שיער געברענגט פאטאלע שריפה און גאז אויפרייס

די מצילי אש ארגאניזאציע האט די וואך פון פורים באוויזן שנעל אויסצולעשן א שריפה און אפראטעווען אז עס זאל נישט פאסירן א שרעקליכע גאז אויפרייס, וואס אירע קאנסקווענצן וויל מען אפילו נישט טראכטן.

אין די געשיכטע האט זיך ארויסגעשטעלט א שטארקע סייעתא דשמיא, דאס וואס די מצילי אש האט געטאן עפעס וואס אנדערע פייער פירמעס טוען נישט, נעמליך אז די קאלס וואס קומען אריין פונעם קאונטי 911 סיסטעם ווערט געפיטערט צו אלע ראדיאס פון די מצילי אש און קומט אן צו יעדן וואלונטיר, אנדערש ווי ביי סתם פייער פירמעס אין אראנדזש קאונטי וואס די רופן פון 911 קומען אריין בלויז צו געציילטע ראדיאס צום לאקאלן פייער דעפארטמענט, און פון דארט ווערט עס געשיקט ווייטער צו יעדן.

די געשיכטע האט פאסירט ווי פאלגענד, א איד האט געהאט א שריפה ביי זיך אין שטוב, עס האט שוין פעסט געפלאקערט אין קיך, און פון גרויס פארצווייפלניש האט דער איד גערופן 911 אנשטאט רופן די הצלה נומער 783-1212, וואס אזוי קומט דער קאל גלייך אריין צו די מצילי אש אגענטור.

אמאליגע צייטן פלעגן נאר געציילטע מצילי אש וואלונטירן האבן די ספעציעלע ראדיאס צו באקומען דעם רוף דירעקט פון די קאונטי 911 עמוירדזשענסי סיסטעם, אבער נישט לאנג צוריק נאך די תיקונים ביים האריקעין איירין האט מען אויפ'ן דאך פונעם וואסער טאנק ביים בארג פון די ישיבה הקדושה איינגעשטעלט א ספעציעלן מאשין וואס פירט אריבער די 911 רופן דירעקט צו אלע ראדיאס פון די מצילי אש וואלונטירן, וואס מיינט אז יעדער מצילי אש וואלונטיר הערט דעם קאונטי 911 צענטער עמוירדזשנסי רוף און קען גלייך רעאגירן אן קיין פארשפעטיגונגען.

אנקומענדיג אויפ'ן ארט פון די שריפה האט זיך ארויסגעשטעלט א שרעקליך בילד, אינעם קיך איז געווען אריינגעבויט אינעם קאונטער-טאפ א מיני-גאז רענטש, א מילכיגס, מיט צוויי ברענערס. די גאז רענדזש האט געהאט אן עלעקטערישן פארבינדונג פאר'ן עלעקטערישן "איגנייטער", און די עלעקטערישע ווייערס זענען נישט געהעריג צוזאמגעשטעלט געווארן ביים עלעקטערישן באקס טיף אינעם קאבינעט, און א דאנק דעם, האבן זיך די קעגנערישע ווייערס צוגערירט און עס איז געווארן א קורצשלוס און די ווייערס האבן זיך גענומען ברענען.

ווען די מצילי אש וואלונטירן זענען אנגעקומען האט מען שוין געזען ריזיגע צונגען פלאמען ארויסקומען פונעם גאנצן קאונטער געבוי, עס האט קיין סאך נישט געפעלט אז די גאנצע קיך זאל זיין ארומגעהילט מיט פלאמען.

די מצילי אש וואלונטירן האבן שנעל פארלאשן די פלאמען, אבער נאך אלץ האט מען געשפירט א גאז גערוך און קוקנדיג האט מען באמערקט אז די גאז פארבינדונג איז אויך נישט געמאכט געווארן דורך א פראפעסיאנאלן לייסענסד פלאמבער, נאר איז געמאכט געווארן היימיש, און אלס רעזולטאט איז געווען א גאז ליעק ארויפציר אונטער'ן קאבינעט, וואס אויב וואלטן די פלאמען דערגרייכט דעם קוואל פון גאז וואלט געווען אן אויפרייס רח"ל וואס די קאנסקווענצן דערפון וואלטן געווען שרעקליכע.

דער איד איז ברוך ה' אפגעקומען מיט בלויז שרעק און מילדע שאדנס, די לעקציע פון די געשיכטע איז אבער קלאר פאר יעדן, עלעקטערישע און גאז פארבינדונגען לאזט מען איבער פאר די וואס קענען דאס, מען טאר נישט אליינס מאכן קיין גאז און עלעקטערישע קאנעקציעס, נאר מען מוז דייקא אראפרופן א לייסענסד עלעקטערישן און פלאמבער דאס צו טון, ווייל אז נישט איז דאס סכנת נפשות ממש במלוא מובן המלה.

# פסח צוגרייטונגען אינעם מצילי אש פייער גאראדזש

דער שרייבער פון די שורות האט זיך זונטאג פרשת צו געמאלדן צו מו"ה יושע בלומענטאל הי"ו דער באגאבטער קאארדינעיטאר און טשיף פונעם פייער דעפארטמענט אין קרית יואל, בעטנדיג אן אודיענץ צו הערן פארשידענע פונקטן איבער מצילי אש פאר'ן קומענדיגן הקריה אויסגאבע, ר' יושע האט אפגעזאגט, "איך קען נישט, איך בין פארנומען מיט צוגרייטן די פייער טראקס פאר פסח".

איך האב זיך נישט געפוילט, איך בין פערזענליך אריבערגעגאנגען אינעם פייער דעפארטמענט ווילנדיג זען וואספארא חמץ ר' יושע טרעפט שוין אין די פייער טראקס, דוכט זיך אז ביים לויפן צו א פייער קאל מיט'ן פייער טראק האבן די מצילי אש וואלונטירן נישט קיין צייט צו בייסן אויף א זעמל.

אריינקומענדיג אינעם גאראדזש, זעה איך ר' יושע פארפארעט און פארשוויצט מיט זיינע געהילפן, כ'פרעג אים: "ר' יושע וואס ארבעטסטו אזוי שווער", "וואס קראצטו אזויפיל אין די קאמערן", "איז דען דא חמץ אין די פייער טראקס?".

"ניין" זאגט ר' יושע, און ערקלערט מיך ווי פאלגענד: מען דארף צוגרייטן די פייער טראקס פאר די ארבעט ערב פסח. דאס מאכט זיך נישט סתם אזוי, די חשוב'ע מצילי אש וואלאנטירן זענען שטארק פארנומען ערב יום טוב צו קאנטראלירן און פארלעשן די שריפת חמץ פייערן און מען דארף צוגרייטן די טראקס דערצו.

נעמליך: ביים לעשן די שריפת חמץ פייערן נוצט מען קלענערע סארט פייפס, מען קען נישט נוצן די מאכטפולע פייפס וואס מען נוצט ביים לעשן היים פייערן, מען נוצט אויך קלענערע פאמפס, עס איז א גאר אנדערע סארט ארבעט, און מען דארף פון פאראויס צוגרייטן די פאמפס און די פייפס און די אלע צוגעהערן, מען קען זיך נישט דערמאנען ערב פסח אינדערפרי, דאן מוז דאס שוין זיין גרייט.

דאס מיינט פארזיכטיגע פלאנירונג, האב איך געטראכט צו זיך, און דערפאר געשאנקן עטליכע שורות מיטצוטיילן מיט'ן עולם אינטערעסאנטע פונקטן ווי מצילי אש איז כסדר פארנומען מיט די צוגרייטונגען כדי גרייט צו זיין ווען מען דארף זיין גרייט, ווייל דאן איז שוין נישטא קיין צייט פאר צוגרייטונגען.

## פלינקע האנדלונג פון מצילי אש מיטגלידער ראטעוועט ב"ה אפ קינד ביי עקסידענט אין שיכון סקווירא

(פארזעצונג פון זייט 25)

רעאקציע?

מצילי אש וואלונטיר: איך האב גלייך פארשטאנען אז דער באשעפער האט מיך צוגעשיקט צום ארט, ווארום איך בין דאך טרענירט אין די סארט עקסידענט סצענע רעטונג מעטאדן.

אויך, זינט א געשיכטע עטליכע יאר צוריק מיט אן עקסידענט ווען א קינד איז שטעקן געבליבן אונטער א סקול באס, האב איך זיך איינגעהאנדעלט א מאכטפולן "דזשעק" פון זעקס טאן (12,000 פונט* וועלכע קען אונטערהייבן די שווערסטע משאות, און איך טראג דאס שטענדיג אינעם טראק, כדי צו זיין גרייט על כל צרה שלא תבא.

רעדאקציע: וויאזוי זענט איר אנגעקומען צום סצענע?

מצילי אש וואלונטיר: איך האב גלייך געמאכט א יו-טוירן און איך בין נאכגעפארן די שיירא פון בליטשקענדיגע אלארמען, נעמליך די הצלה וואלונטירן וואס האבן זיך געיאגט צום סצענע. אנקומענדיג בין איך ארויסגעשפרונגען פונעם טראק און געכאפט דעם "דזשעק" און איך בין צוגעלאפן און אונטערגעהויבן די רעדער וואס האבן געדרוקט אויפ'ן פלייש טייל פונעם פיסל פונעם קינד.

רעדאקציע: וואס איז אייך דורכגעלאפן אין געדאנק ביים זען א קינד ליגן הילפלאז און די פוס אונטער די רעדער?

מצילי אש וואלונטיר: איך האב נישט געהאט קיין צייט צו אנאליזירן מיינע געפילן, דאס הארץ האט מיך געפאמפעט דאפעלט ווי נארמאל און די אדרענעליין איז געפלאסן, איך האב פון גארנישט געטראכט, איך האב געארבעט מעכאניש ווי א ראבאט.

איך בין אבער נישט געווען פארפאניקט, ווארום ביי די מצילי אש טרענירונגען האבן מיר פילע מאל נאכגעמאכט די סצענע פון א קרבן וואס ליגט פארכאפט אונטער טראקס און אויטאס און וויאזוי מען הייבט אונטער און מען פארזיכערט די סצענע דורך אונטערלייגן ברעטער און געגנשטאנדן ("קריבינג" בלע"ז) כדי די הצלה זאלן קענען יענעם ארומוויקלען און אים ארויסנעמען.

אויך איז נישט געווען קיין צייט צו טראכטן, עס איז ביז סעקונדען געווען פארביי, געכאפט דעם "דזשעק", און געהויבן דעם פאסאזשיר ווען.

רעדאקציע: דאס זעט מען אז דו ביזט א בורח מן הכבוד, ווארום די לאקאלע פרעסע לייט האט אפגעכאפט מערערע בילדער פונעם סצענע און מען זעט דיך נישט ביי קיין איינע, וואלט נישט פאסיג געווען צו בלייבן דארטן אפאר מינוט און זיך לאזן פאטאגראפירן?

מצילי אש וואלונטיר: ווער דארף אויפמערקזאמקייט? די זכי' פון ראטעווען א אידיש קינד איז נישט גענוג? און איבריגס איך בין צי פארנומען מיט די פרנסה צו שפייזן די קינדערלעך פון האבן צייט צו דעם.

מו"ה יושע בלומענטאל, דער פירער פון די מצילי אש אגענטור, האט ארויסגעברענגט פאר די רעדאקציע אז מען דארף שעצן די לאנגע שעה'ן וואס די מצילי אש מיטגלידער פארברענגען מיט די כל-ערליי טרענירונגען פאר עמוירדזשענסי סצענעס רעטונגס אקציעס, וואס דאס האט זיך שוין שיין ארויסגעצאלט אינעם פארגאנגענהייט ביי צענדליגער הצלת נפשות פעלער, דאך וואונטשט מען זיך אז די מצילי אש וואלונטירן זאלן דארפן וואס ווינציגער נוצן זייערע טאלאנטן און אידן זאלן נישט ליידן קיין שום צער.

## "חברים" מיטגלידער וועלן דורכגיין ערפארענע זוכן און רעטונג טרענירונגען

ווי באקאנט איז מען אינערהאלב די נאבעלע "חברים" ארגאניזאציע קיינמאל נישט צופרידן פון זיך, און מען זוכט אלץ וויאזוי מען קען פארבעסערן און פארשענערן די עבודת הקודש פון העלפן אידן אין נויטפעלער בכמות ובאיכות.

כדי צו ראטעווען אידן דארף מען האבן א גוט הארץ, א טיפן ווילן צו העלפן אידן, א גרייטקייט זיך אוועקצורייסן פון די שווערסטע צייטן פון שטוב און לויפן העלפן אידן.

אויך דארף מען האבן די נויטיגע געצייג און די נויטיגע וויסנשאפט, אז עמיצער וויל זיין אן הצלה מאן מוז ער קענען "ערשטע הילף", און א פייערמאן דארף קענען די יסודות פון פייער לעשן און עמוירדזשענסי סצענע רעטונג, אזוי ארום איז אויסגעקומען אין די פארגאנגעהייט אז די "חברים" מיטגלידער זענען פילע מאל געווען פארמישט אין זוכונגען ווען מען האט געזוכט פארשוואונדענע קינדער אדער פארשוואונדענע ערוואקסענע, און בלויז די מצילי אש וואלאנטירן האבן געקענט נעמען אן אקטיוון טייל אין די פאקטישע ארבייט טיף אין די וועלדער, און פון די צענדליגער יונגעלייט וואס האבן געמאלדן זייער גרייטקייט ארויסצוהעלפן א פארלוירן אידיש קינד, מעמבערס פון חברים ארגאניזאציעס וואס זענען געקומען פון פארשידענע פלעצער ארויסצוהעלפן האבן בלויז די ארגאניזאציעס וואס זענען געווען טרענירט דערויף געקענט ארויסהעלפן מיט די פראפעסיאנאלע זוכונגען, און דאס איז אויך שייך פאר די "חברים" מיטגלידער פון קרית יואל.

ספעציעל פאסירט דאס אין די זומער מאנאטן ווען א גרויסן טייל פונעם יהדות החרדית פון ברוקלין ציעט זיך אריבער אין סאליוואן קאונטי פאר די אכט וואכן פונעם זומער און מען איז צעזייט און צעשפרייט, און מען כאפט א זומערדיגן שפאציר אין די וועלדער וואס קען זיך ענדיגן - פאר קיינעם געוואונטשן - מיט א לינת לילה אינעם וואלד אונטער'ן פרייען הימל און כלל ישראל שטייט מיט זארג און מען זוכט און מען זוכט.

ברוך ה' אינעם פארגאנגענהייט האבן כמעט אלע זוכונגען זיך געענדיגט מיט א גוטע ענדע, אלעמאל זענען די "חברים" מיטגלידער בליץ שנעל ארויסגעקומען צו די סצענע, זיי האבן אראפגעווארפן דעם האנדל וואנדל און אוועקגעלייגט די עסקים אין די זייט און זיך ארויסגעלאזט א שעה וועג ארויף צו סאליוואן קאונטי צו העלפן מיט די זוכונגען. אויך דא אין קרית יואל מאכט זיך פון צייט צו צייט אז א קינד ווערט פארשוואונדן און מען דארף דורכפירן א זוך אקציע און די חברים מיטגלידער העלפן מיט גרויס געטריישאפט.

זוכן פאר מענטשן איז א פראפעסיאנאלע ארבעט און מען דארף דאס דורכפירן פראפעסיאנאל סיי כדי מען זאל טרעפן דעם געזוכטן און סיי כדי די זוכערס זאלן אליינס נישט ווערן קיין קרבנות.

מיט די צייט האט זיך ארויסגעשטעלט אז כדי מען זאל קענען טאן דעם ענין בשלימות דארפן די "חברים" מיטגלידער דורכגיין אינטענסיווע טרענירונגען וויאזוי דורכצופירן א זוך און רעטונגס אקציע אויף א פראפעסיאנאלן פארנעם.

כדי דאס צו דערגרייכן האבן די "חברים" ארגאניזאציע פירער ארגאניזירט א סעריע קלאסן וואס וועט געגעבן ווערן פאר די נאנט צו 100 "חברים" מיטגלידער, גלייך נאך פסח, אין א לאקאל דאהי אין קרית יואל, וואו עס וועלן אראפקומען עקספערטן און געבן גענויע אנווייזונגען אנבאלאנגט זוך און רעטונג אקציעס. דאס וועט זיין א דבר בעתו טאקע הארט פאר'ן זומער סעזאן.

די טרענירונג וועט לערנען וויאזוי מען זוכט; וויאזוי מען ארגאניזירט א זוך; דער "גריד" זוך סיסטעם; וויאזוי מען זוכט אין וואלד און וויאזוי אין שטאט; וואו מען מאכט זיכער אז אלע ערטער ווערן גדעקט און דורכגעזוכט; קאמיוניקאציע; זיך פארהיטן פון געפארן און זיכער מאכן אז די זוכער ווערן נישט פארבלאנדזשעט; זיכער מאכן אז די זוכער ווערן נישט געשעדיגט פון היץ און אויסגעטרוקנטקייט; און וויאזוי צו פארמיידן אז סתם אנלויפער זאלן נישט אריינגעלאזט ווערן אינעם זוך ארט אן באגלייטונג ווייל דאס האט זיך אין די פארגאנגענהייט ארויסגעשטעלט צו ברענגען מער שאדן ווי נוצן און עס האט געשטערט.

דערמיט וועט די "חברים" ארגאניזאציע אין קרית יואל ווערן אנערקענט אלס א פראפעסיאנאלע ציווילע זוך און רעטונגס גרופע, גענוי ווי אנדערע אידישע זוך ארגאניזאציעס אין גרעיטער ניו יארק, און דאס וועט ערמעגליכן צוזאמצואדבעטן מיט אנדערע זוך גרופעס אויף א פראפעסיאנאלן פארמאט אז מען זאל וואס שנעלער קענען העלפן און טרעפן די פארלוירענע.

בלייבט אונז נאר תושבי קרית יואל צו וואונטשן פאר די געטרייע "חברים" מיטגלידער: תחזקנה ידיכם, איר זאלט האבן ברכה והצלחה אין די הצלת נפשות ארבעט, און איר זאלט דעם ערפארונג אין זוך אין רעטונגס אקציעס וואס ווינציגער דארפן נוצן און אידן זאלן נישט וויסן פון קיין עגמת נפש.

## וויכטיגע אנווייזונגען פון "חברים" ביים גיין חול המועד האלטן מיט די פאמיליע

חול המועד פארט מען אוועק אין די מרחקים מיט די פאמיליע און אז מען איז נישט פארזיכטיג בלייבט מען שטעקן אינדערוועיט, אדער פאסירט עמוירדזשענסיס וואס איז נישט געשמאק.

אפילו פון די סתם געוועגליכע קאלס וואס די "חברים" ארגאניזאציע באקומט אריין טאג טעגליך קען מען צוזאמשטעלן א בוך, אבער די קאלס וואס קומען אריין חול המועד זענען פון גאר אן אנדערן נאטור און א סוגיא פאר זיך.

א ביישפיל: פארגאנגענעם חול המועד האט עמיצער וואס איז געווען אין ניאגרא פאלס גערופן אז ער דארף א "בוסט" פאר'ן קאר! און וואס מיינט איר, יא, מען האט דעם קאל געדעקט! א "חברים" מיטגליד איז געווען דערנעבן און מען האט דעם איד ארויסגעהאלפן.

איינע פון די אפטע רופן וואס "חברים" באקומען אריין חול המועד איז ווען מען גייט מיט די קינדער אין א פארק

(פארזעצונג אויף זייט 35)

## "חברים" מיטגלידער באקומען וויכטיגע לעקציעס איבער אויטא ריפעיר ביי לעצטיגע פארזאמלונג

פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת ויקהל פקודי איז פארגעקומען א וויכטיגע באלערנדע "חברים" מיטינג אינעם ביהמ"ד בית דוב אין די לעמבערג געגנט, וואו די נאנט צו הונדערט "חברים" מיטגלידער זענען געזיצן בשבת אחים גם יחד און מען האט אויסגעשמועסט וויכטיגע זאכן בנוגע די הייליגע ארבעט פון העלפן אידן.

די הויכפונקט פונעם אוונט איז געווען ווען עס האט אויפגעטרעטן איינער פון די געטרייע "חברים" מיטגלידער, וועלכער האט איבערגעגעבן א באלערנדע לעקציע וויאזוי זיך אומצוגיין מיט פארשידענע פראבלעמען וואס מען האט מיט אויטאס.

דער חברים מעמבער שעפט זיין ערפארונג זייענדיג א מענעדזשער ביי א א קאר פירמע, וואס ער פירט אן מיט גרויס געטריישאפט און דערפאר האט ער ערפארונג מיט פראבלעמען וואס מאכן זיך ביי פארשידענע ערליי אויטאס, ספעציעל די נייע סארט הייבריד אויטאס וואס ווערן געטריבן דורך בעטערי קראפט און עלעקטעריציטעט צוזאמען, און ער האט ארויסגעברענגט פארשידענע וויכטיגע פונקטן וואס מען דארף וויסן ביים געבן הילף פאר אידן וואס זענען געשטראנדעט אין זייערע אויטאס, און פארשידענע פראבלעמען וואס מאכן זיך ביי די היינטיגע קאמפיוטעריזירטע אויטאס, און ספעציעל וויאזוי זיך צו ספראווען מיט די אייגנארטיגע פראבלעמען וואס קענען זיך מאכן ביי די הייבריד אויטאס.

אויך האט אויפגעטראטן דער באגאבטער איש החסד ולב טוב, פון די פירערס פון די "חברים" ארגאניזאציע, הרה"ח ר' יושע קארנבלי הי"ו, וועלכער האט איבערגעגעבן פארשידענע אנווייזונגען בנוגע דעם נייעם "חברים" טראק וואס מען האט שוין פולשטענדיג אריינגעשטעלט אין דינסט. ער האט אראפגעשטעלט פארשידענע גרונד יסודות און רעגולאציעס ווען צו נוצן דעם טראק און וויאזוי עס צו נוצן אזוי אז עס זאל ברענגען דעם גרעסטן תועלת. ער האט אונטערגעשטראכן אז דער טראק איז נכסי ציבור און געקויפט דורך געלט פון נדבנים און דערפאר דארף מען זיין פארזיכטיג דערמיט.

אויך האט ער געבעטן אז מען פארשטייט טאקע אז בעפאר פסח איז יעצט פארנומען ביז איבער'ן קאפ אין שטוב און מיט די צרכי יום טוב צוגרייטונגען, אבער אויב עס מאכט זיך אז עס קומט אריין אן איבערפלוס פון קאלס זאל מען זיך אנשטרענגען יותר מן היכולת און אוועקגעבן צייט צו ענטפערן אויף די קאלס.

ביים פארזאמלונג איז געווען צוגעגרייט א טעימה קלה, וואס איז ווי אלעמאל צוגעגרייט געווארן דורך דעם פראדזשעקט קאארדינאטאר פון "חברים", ר' שבתי מזרחי הי"ו, תשואות חן חן לו.

די "חברים" מיטגלידער האבן פונעם אוונט באקומען אסאך וויכטיגע און נוצליכע ידיעות, און זענען אוועקגעגאנגען מיט א שטארקע צופרידנהייט און אנטשלאסנקייט אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט צו העלפן אין א נויטפאל בכל ובכל שעה.

## "חברים" אפעלירט: גרייט מאכן די אויטא און מיטנעמען א ספעיר שליסל ביים פארן מיט די פאמיליע חול המועד האלטן

עס איז שוין יום טוב פסח, און חול המועד נעמט מען ארויס די פאמיליע צו אינטערסאנטע ערטער משמח זיין דאס געזונדל.

חול המועד גייט מען געקליידעט יום טוב'דיג און די טאשן זענען נישט מסודר אזוי ביזנעסמעסיג ווי אין די ימי החול, דערפאר מאכט זיך אז מען איז נישט מסודר. וואו שאפט דאס א פראבלעם? דער בינטל מיט די קאר שליסלעך האט נישט קיין באשטימטן מקום! אמאל פאלט דאס אריין אינעם בוזעם טאש פונעם בעקיטשע, אמאל אין די שיפע טאשן, און אמאל אינעם הויזן טאש.

מאכט זיך אז די שליסלעך ווערן פארלוירן אדער מען לאזט זיי אין אויטא און מען ווערט אויסגעשפארט, דאס איז נישט קיין געשמאקע זאך אפילו דאס פאסירט ווען מען איז אין קרית יואל, וואס טוט זיך אז מען איז אינעם חיות גארטן א שעה אוועק פון קרית יואל און מען פארלירט די קאר שליסלעך, דאן איז דאס א געוואלד מיט עגמת נפש און מען האט א צושטערטן חול המועד.

דעריבער, איזהו חכם הרואה את הנולד, דאס מיינט דאס וואס האט שוין פאסירט צו אנדערע, און מען דארף זיך צוגרייטן אן ערזאץ שליסל וואס זאל זיין אוועקגעלייגט אין טאש אויף א גוט אפגעהיטענעם וועג אז עס זאל נישט ארויספאלן, און מען זאל דאס נישט האלטן אויפ'ן זעלבן רינגל וואו מען האלט די געוועגליכע קאר שליסלעך ווארום אויב אזוי האט מען גארנישט אויפגעטון.

נאך בעסער אפילו איז אוועקצוגעבן די שליסל פאר די אידענע זאל דאס האלטן, אזוי פארמיידט מען זיך עגמת נפש, און אז מען בלייבט אויסגעשפארט פונעם אויטא אדער מען פארלירט די קאר שליסלעך האט מען אלץ גרייט

(פארזעצונג אויף זייט 35)

"חברים" העלפט "חברים":

## נוצליכע קיופאנס פארטיילט פאר חשוב'ע "חברים" ארגאניזאציע מיטגלידער

"חברים" מיטגלידער זענען געוואוינט צו העלפן אנדערע אידן אבער לכבוד יום טוב פסח אין וועלכע מיר געפינען זיך יעצט האבן די פירער פון די נאבעלע "חברים" ארגאניזאציע איבערראשט די חשוב'ע "חברים" מיטגלידער מיט א שטיקל הכרת הטוב פאר זייערע שווערע ארבעט א גאנץ יאר, דורך זיי פארטיילן קיופאנס צו קענען נוצן אויף פארשידענע צרכי יום טוב.

די "חברים" מיטגלידער האבן אלע באקומען דיסקאונט קיופאנס פאר שיך, קליידונג, דריי-גוד, גראסערי, מצות און אנדערע צרכי יום טוב, וואס איז צוניץ געקומען פאר די "חברים" מיטגלידער.

די "חברים" מיטגלידער האבן אויסגעדרוקט א דאנק פאר די נדבנים וועלכע האבן ערמעגליכט דעם פראיעקט, און פאר די חשוב'ע פירער פון די "חברים" ארגאניזאציע פאר'ן זיך נעמען דעם אינציאטיוו צו העלפן די "חברים" מיטגלידער און זיי צושטעלן א סימבאלישע הכרת הטוב פאר זייער ארבעט. אויך האט מען אויסגעדרוקט א ספעציעלן יישר כוח פאר ר' אליעזר דוד איצקאוויטש הי"ו פון די פירערס פון די "חברים" ארגאניזאציע, פאר'ן צושטעלן די דיסקאונט קיופאנס פאר די שיך.

# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220



Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman


# אכטונג!

## הויכגעשעצטע עלטערע איינוואוינער פון קרית יואל שיחי' עמו"ש;

# דער זומער קומט שוין אן!

עס איז א געשמאק ארויסצוגיין אביסל פון אינדערהיים
צו פארברענגען אין א געשמאקע אטמאספערע!

# דער "טעם זקנים" פראגראם

## שטייט גרייט אייך צו באדינען

אין די פראכטפולע זאלן פון

**"אשת חיל דקרית יואל-אהל חנה רחל"**

**7 Chevron Rd.**

וואו עס ווערט ווייטער צוגעשטעלט געשמאקעווארימע מיטאג מאלצייטן יעדן טאג
באגלייט מיט שיעורים, איבונגען און באשעפטיגונגען פאר די עלטערע איינוואוינער

**- טראנספארטאציע ווערט צוגעשטעלט אהין און צוריק -**

**פאר רעגיסטראציע און אינפארמאציע קענט איר זיך פארבינדן מיט מרת שאלאמאן אויף:**

**845-492-3245**

מיט דאנק, **דער ווילידזש**

# שנעלע אויפבוי פון נייעם ביהמ"ד "ישמח משה דקיט"ל" אין "שכונת ברך משה" רופט ארויס וואונדער

(פארזעצונג פון זייט 3)

דאס פינטעלע אין הארץ, ולמעלה בקודש לזכרו הגדול והקדוש פונעם הייליגן מייסד הקהלה והעיר, רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע, וועלכער האט מייסד געווען דאס הייליג שטאט מיט אזויפיל מסירת נפש, וזאת היתה חלקו מכל עמלו, וחיבה יתירה נודעת לו פאר יבלחט"א כ"ק מרן הגה"ק מסאטמאר שליט"א, וועלכער האט א ספעציעלע נאנטשאפט צו שכונת ברך משה, לשמו ולזכרו אביו הגדול.

ווי באקאנט האט דער רבי שליט"א קורא שם געווען פאר'ן יעצטיגן ביהמ"ד אין די געגנט מיט'ן נאמען "ישמח משה", ע"ש זקינו הקדוש דער ראש השושילתא קדישא מרן בעל ישמח משה זי"ע, נאך וועמען דער טאטע רביה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זי"ע האט געהייסן. די ביידע נעמען אינאיינעם 'ישמח משה' און 'ברך משה' האבן דערצו א גאר שטארקע שייכות, וואס כידוע האט דער רבי דער ברך משה זי"ע געהאט אן אויסטערלישע דביקות לאור משנתו ותורתו פונעם גרויסן זיידן דער ישמח משה זי"ע, און אויך געלעבט כל ימיו מיט א זעלטענע געגועין און כיסופין צו די גאולה שלימה.

פארט אבער מיט אזא צייטווייליגע בית המדרש ווי ביז היינט איז נאכנישט שייך צו קענען באצייכנען די געגנט אדער דעם ביהמ"ד אין שכונת ברך משה אלס 'שיין'... סיי וועלכן תושב אדער גאסט וואס האט שוין אמאל באזוכט אינעם עקזיסטירנדן ביהמ"ד ביי איינע פון די תפילות שבת, פארשטייט פארוואס. דאס ענגשאפט שרייט פשוט ארויס פון יעדן ווינקל און פון יעדן הינזיכט; מיט וואס א שבת מער עס גייט פארביי, מיט יעדע נייע דירה וואס ווערט ב"ה באניצט, ווערט דאס דחקות נאר גרעסער און שטערקער, אזוי אז די חשוב'ע גבאים זענען פשוט געצווינגען מכבד צו זיין די געסט און נייע תושבים מיט אן אומבאקוועמליכע סארט ברוך הבא: "שלום עליכם ר' איד! אנטשולדיגט, אז מיר קענען אייך נישט מכבד זיין ווי עס פאסט, מיר האבן פשוט נישט וואו"...

עס איז דערפאר איבריג ארויסצוברענגען די געוואלדיגע שמחה וואס עס פארשאפט פאר יעדן תושב אין די געגנט, מיטהאלטנדיג עין בעין די היסטארישע שנעלע פארשריט וויאזוי דער פראכטפולער בנין ביהמ"ד החדש, איך וואס יעדער קוקט אזוי שטארק ארויס, גייט פאראויס מיט היסטארישע שנעלע טריט, אסאך שנעלער און שענער ווי מ'האט זיך נאר געקענט פארשטעלן, כה יתן ה'.

אבער דא קומט מען ווייטער צוריק צו דעם זעלבן פרט, אז א גרויס קרעדיט דערצו קומט זיך צוליב די פעסטע יסוד וואס איז אוועקגעשטעלט געווארן אונטערצוהאלטן דעם בנין, דאס איז די "מסירת נפש" פון די הונדערטער תושבים, וואס האבן זיך במשך די פארגאנגענע חדשים און וואכן זיך ברייטהארציג משתתף געווען און ממש אוועקגעריסן דאס ביסן פון מויל צו נעמען א חלק אין הקמת בית מקדש מעט.

עס געדענקט זיך נאך גוט דאס הערליך בילד פונעם "מעמד חתימות השטרות", וואס איז פארגעקומען בהיכל ביהמ"ד אין די געגנט, אום כ"ד כסלו העעל"ט, וואו אריבער הונדערט יונגעלייט האבן במעמד כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א פרייוויליג אונטערגעשריבן שטרות און געשטאנען אויסגע'שורה'ט אין די רייע אריינצוגיין אל הקודש פנימה ביים רבי'ן שליט"א לקבל חתימת וברכות קדשו; א בילד וואס האט ארויסגערופן גרויס התרגשות און התפעלות ביי יעדן איינעם.

און ס'האט זיך נישט אפגעשטעלט ביי דעם, נאר דאס איז בלויז געווען דאס שוועבעלע פונעם אש קודש וואס האט שפעטער נאך מער אויפגעפלאמט. במשך די נאכפאלגנדע וואכן ביז צום היינטיגן טאג זענען א גרופע עסקנים מתושבי השכונה אריינגעטועט מיט'ן גאנצן לייב און לעבן טועדיג אנפירן מיט א ברייטע "קרן הבנין קאמפיין" אויפצואורבעטן גרעסערע נדבות, אין שפיץ פונעם רב ביהמ"ד ישמח משה הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"נ, וועלכער גיבט זיך אוועק בכל נימי נפשו ונשמתו צו העלפן אויפטרייבן די נויטיגע סכומים אדירים למען הקמת בנין מפואר.

בחסדי ה' ווערט דער קאמפיין געקרוינט מיט א געוואלדיגע הצלחה בעזה"י, ווען במשך די פארגאנגענע וואכן זענען שוין פארקויפט געווארן מערערע גרויסע זכותים אינעם נייעם בנין ביהמ"ד סיי פאר חשוב'ע נדבנים מתושבי השכונה, וועלכע האבן זיך אונטערגענומען גאר הערליכע סכומים, און סיי פאר פילע בארימטע נדבנים ביים ברייטן ציבור חסידי סאטמאר איבער די וועלט, וועלכע שפירן פאר א זכי' צו קענען איינקויפן א זכות נצחי אין דעם הערליכן נייעם צענטער לתורה ולתפלה בפלטרין של מלך.

ווי פארשטענדליך איז אוממעגליך אפצושאצן די ענדלאזע זכות פון די אלע נדיבי לב וועלכע קויפן זיך איין א חלק נצחי אינעם לימוד התורה דרבים, עבודת התפלה, טהרה, וצדקות וגמ"ח, וכל דבר שבקדושה וואס וועט אי"ה ארויסקומען פון דעם בנין גדול וקדוש, ווי דער חשוב'ער רב הביהמ"ד הגה"צ רבי שמעון זאב מייזליש שליט"א חדב"נ, האט זיך מערערע מאל אויסגעדרוקט ביי פייערדיגע דרשות בעת דעם "יסוד הבית קאמפיין" אין די געגנט: "עס איז א זכי' פאר אונז אלע, אז דער יסוד פונעם ביהמ"ד ווערט אוועקגעשטעלט מיט מסירת נפש געלטער פון די אייגענע מתפללים, דאס איז אן אינוועסמענט וואס וועט אוודאי ברענגען גרויסע השפעות פאר יעדן איינציגן נדבן מיד ולדורות"!

ביי דעם יעצטיגן געלעגנהייט ווען מ'זעהט שוין ווי דאס אומגלויבליכע ווערט פארווירקליכט פאר די אויגן, לשמחת לב כל תלמידי וחסידי סאטמאר בכלל, וכל תושבי השכונה בפרט, קומט צום וויפילטן מאל ארויס צום אויבערפלאך די טיפע רגשי התפעלות וואס דארף ארויסגעברענגט ווערן, צווערשט כלפי די חשוב'ע הנהלת ועד הקרי', בראש פונעם בארימטן איש הציבור הרה"ח ר' מאיר הירש הי"ו מראה"ק והמוסדות, וועלכע האבן נאך גאנץ אין אנהויב, באלד ביים אוועקשטעלן די געגנט, שוין אינזינען געהאט אויך דאס 'רוחניות' און דעזיגינירט א ספעציעלע שיינעם שטח פאר'ן ביהמ"ד ומקוה פאר די תושבים.

ווי ביי אלע אנדערע פראיעקטן לטובת כל קדשי בית סאטמאר, שטייט אויך דא צו די האנט דער בארימטער בונה ומקים עולמות של תורה הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו, קרית יואל ווילידזש אדמיניסטראטאר, וועלכער שטייט צוהילף מיט וואס מעגליך במסירות נאמנה ונפלאה.

באזונדער דארף ארויסגעברענגט ווערן מעשה ידיו להתפאר פונעם בארימטן בונה ומקים עולמות של תורה הרה"ח ר' אביגדור הכהן ראזענבערג הי"ו, וואס ס'איז צום באוואונדערן וויאזוי אנשטאט וואס אין אלגעמיין ביי אזעלכע בוי פירמעס איבער די וועלט, וואלט אזא מאסיווע קאנסטראקשאן אפאראט פארנומען א שטאב פון אפיסעס מיט צענדליגער איינגעשטעלטע און פארצווייגטע דעפארטמענטס וכדו', אפגערעדט וואס ס'וואלט אריינגעצויגן אין פיל גרעסערע געלטער און צייט, האט אבער דא ר' אביגדור הכהן די סייעתא דשמיא צו קענען געניט אנפירן מיט אזא אפאראט און זיך אפגעבן פערזענליך מיט אלע בוי פאזעס עצהי"ט, שטייענדיג גאר אליינס ביי די ארבעט, טוענדיג זיכער מאכן אז יעדע פרט ווערט אדורכגעפירט דאס בעסטע און שנעלסטע פאר די מינימום הוצאות.

אגב איז צום באמערקן, אז דאס איז שוין די 24'סטע גרויסע פראיעקט וואס ר' אביגדור הכהן האט די זכי' אהערצושטעלן אינעם רבי'נס שטעטל, באופן נאה ומהודר בהשכל ודעת. איז טאקע אין פלאץ צו וואונטשן כ"ה יתן ה' וכה יוסיף, אז ער זאל ווייטער קענען אנגיין מיט זיין ארבעט און קומענדיגע פראיעקטן לרומם בית ה' מיט פיל ברכה והצלחה וסייעתא דשמיא.

ולסיום הדברים הברכה אחת הוא פאר די חשוב'ע עסקנים הדגולים העומדים בראש המערכה: כה לחי! אסאך הצלחה אויף ווייטער, חפץ ה' בידכם יצליח להגדיל תורה ולהאדירה, ולברך על המגומר בקרוב במהרה.

והראנו בבנינו ושמחנו בתיקונו.

## מדברי כ"ק מרן הגה"ק שליט"א בסעודת שבע ברכות בהיכל ביהמ"ד בשכונת ברך משה קרית יואל, ד' מקץ תשע"א

"שכונת ברך משה וועט זיין א כבוד לשמו ולזכרו פונעם טאטן ז"ל.

קרית יואל איז געווען ביי איהם אזוי חשוב און אזוי טייער, אזויפיל געקעמפט פאר קרית יואל, אכטונג געגעבן, אהערגעקומען, און אזוי הנאה געהאט.

איז אוודאי א נחת רוח לנשמתו בעולם העליון, אז אין קרית יואל איז דא א גאנצע געגנט וואס איז גערופן געווארן לשמו ולזכרו שכונת ברך משה."

***

## מדברי כ"ק מרן רבינו שליט"א בסיום מס' פסחים ומגבית "יסוד הבית" בהיכל ביהמ"ד בשכונת ברך משה קרית יואל, ב' מקץ תשע"ב

"השי"ת זאל העלפן, מען זאל קענען אויפבויען א שיין גרויס בית המדרש. עס וועט זיין א כבוד פאר קרית יואל, א כבוד פאר'ן פעטער ז"ל וואס די שטאט הייסט על שמו, א כבוד פאר'ן טאטן ז"ל, וואס די געגנט איז נקרא על שמו.

דער אייבערשטער וועט העלפן, די תפילות וועלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון, מען וועט קענען זיצן און עוסק זיין בתורה מיט הרחבת הדעת".


VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder
Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

# אקטועלע מעלדונג

## במשך די זומער חדשים
## וועלן אונזערע אפיסעס זיין
## אפן יעדן פרייטאג
## ביז 1:00

מיט דאנק
דער ווילידזש

**נ.ב. די וואס האבן באשטימט אן אפוינטמענט מיטן מעיאר, זאלן ביטע ערשיינען צייטליך כדי נישט אויפצוהאלטן אנדערע וועלכע ווארטן אויך פאר זייערע באשטימטע מיטינגען מיטן מעיאר.**

# מעגליכקייט פאר פרישע טוישונגען אין שטייער שאצונג ווען מאנרא וועט אויפנעמען נייעם "טאון אסעסאר"

**ביז-איצטיגער אסעסאר באקלאגט זיך פאר טאון באורד איבער צופיל ארבעט און מעלדט זיין רעזיגנאציע - טוישונגען זענען 'נאכנישט פארטיג'**

ווי שוין געמאלדן אין "הקריה" איבער'ן לויף פון די לעצטע אנדערטהאלבן יאר, זענען אין די לעצטע יארן פארגעקומען ערנסטע שינויים אין דעם וועג און סיסטעם וויאזוי די טאון שאצט אפ די ווערד פון יעדן הויז, וואס האט אפעקטירט גאר א גרויסן ציבור שטייער-צאלער פון תושבי קרית יואל.

די טוישונגען האבן זיך אנגעהויבן נאך א גרונטליכן איבערזיכט פון דעם נייעם "טאון אסעסאר" [שאצער], מר. סטיוו ריאלקע, וועמען די מאנרא טאון באורד האט אויפגענומען מיט בערך צוויי יאר צוריק, איבערצומאכן געצנליך דעם אפשאצונג סיסטעם, צוליב'ן דרוק פון די קאונטי וועלכע האט אנטדעקט אז דער סיסטעם פון אפשאצן די הייזער אין טאון אוו מאנרא איז געווען גאר צוריקגעשטאנען און אלטמאדיש, וואס דאדורך האבן זיי פארלוירן שווערע געלטער אין יערליכע שטייערן.

ס'איז בשעתו געווען באריכטעט אין "הקריה" וויאזוי דער נייער סיסטעם האט אפעקטירט גאר אסאך תושבי קרית יואל, ווען פילע האבן זיך געטראפן מיט א שטארקע העכערונג אין זייערע שטייערן (וואס א נייע, העכערע, שאצונג פאר'ן ווערד פונעם הויז, אפעקטירט די קאונטי; טאון; ווילידזש; סקול; און אנדערע שטייערן), ווידער אנדערע האבן גאר באקומען א נידריגערע שאצונג און זיך ארומגעזען אז זיי האבן באקומען א הנחה אויף זייערע שטייערן.

אין די "הקריה" פון פאראיאר חודש סיון האבן מיר אויך באריכטעט אז דער אסעסאר האט געמאלדן אז ער איז נאכנישט פארטיג מיט זיין ארבעט, און אז בלויז די קאנדימיניום דירות איז געווארן איבערגעמאכט און ער פלאנט נאך איבערצוגיין פארשידענע פרטים אין די שאצונגען, א שטייגער ווי סוב-בעיסמענטס און פריוואטע דירות, וואס מיינט אויטאמאטיש אז אסאך תושבי קרית יואל דארפן ערווארטן אז די ווערד-שאצונג פון זייער דירה קען זיך טוישן, ארויף אדער אראפ, און דערמיט אויך די סומע פון זייערע שטייערן.

לעצטנס איז פארגעקומען א מיטינג פון די טאון באורד וואו דער יעצטיגער "טאון אסעסאר", מר. ריאלקע, האט איבערגעגעבן א באריכט פון זיין ארבעט ביז היינט. ער מעלדט דארט אז ער הערט אויף זיין ארבעט נאך מארטש 31, און ער שילדערט א כאאטישן מצב אינעם אסעסאר'ס אפיס אין די איצטיגע טעג, ווען עס דארפן פראצעסירט ווערן אלע "עקזעמפשאנס" וואס זענען אריינגעקומען ביז'ן דעדליין פון מארטש 1.

צווישן אנדערן דערציילט ער אויך אז די קאונטי - וועלכע שטייט אונטער די גאנצע אונטערנעמונג פון איבערמאכן די פראפערטי ווערד שאצונגען - האט באזונדער אויפגענומען צוויי נייע אגענטן דא אין מאנרא, צו זאמלען אינפארמאציע איבער די טאון פראפערטיס, און אז עס וועט נאך ווארשיינליך דויערן וויינעגסטנס ביז סעפטעמבער אז די ארבעט פון זאמלען די אינפארמאציע זאל פארטיג ווערן, וואס ערשט דאן וועט זיך אנהייבן די ארבעט פון איבערמאכן די שאצונגען פאר יעדן הויז.

אינצווישן וועט שוין די טאון מוזן

(פארזעצונג אויף זייט 31)

Supervisor: 845-783-1900 ext. 227
Sandy Leonard

Councilpersons:
Harley E. Doles III
James H. Rogers SR
Richard Colon
Gerard McQuade

Town Justices: 845-782-8404
Maria Vazquez-Doles
Morton Marshak

Attorney
Langdon Chapman

TOWN OF MONROE
THE LAKE REGION

15 Lakes Street
Monroe, New York 10950
www.monroeny.org
845-782-4459
FAX 845-782-4009

Town Clerk: Mary Ellen Beams
845-783-1900 ext. 221

Highway Superintendent:
845-782-8583

Building Inspector:
William P. Muente
845-782-7638

Assessor: Steve Ruelke
845-782-4459

## Memo

To: Town Board
From: Steve Ruelke, Assessor
RE: Activities report
Date: March 14, 2012

As a preamble to this report, I must tell you that as of Friday, March 16th, it will have been eight weeks since the departure of our full-time assistant assessor. That means our office has lost 280 hours worth of valuable staff time at the busiest time of the year. You must know that having a capable competent person in that position has been – and is – crucial to the success of our department.

In addition, it has been nearly ten weeks since I informed the Board that I would be leaving my position at the end of February. It was not until the day after my resignation date that the Board actually began interviewing and it looks like it may be three or more weeks before my replacement will be hired and on board. That said, I need to remind the Board that I have agreed to continue serving as assessor until the close of business on March 31 in an effort to minimize – not eliminate – damaging setbacks resulting from being shorthanded. I will not continue on beyond that date.

You must know that the delay in filling one position and hiring a replacement for me is, shall we say, inappropriate. In fact, it is just plain wrong. The work we do is important to everyone who owns property here in the Town of Monroe. We have not had and do not have the staff needed to compensate for the loss of a full-time assistant and, as I look around the office at the piles of work that need to be done, I do not believe we be able to publish a 2012 Assessment Roll having the kind of quality and integrity we'd like and that, the town and its taxpayers will be shortchanged as a result. Furthermore, the delay/failure has pushed my staff to the limit, causing undue stress and annoyance.

Here's what else is going on in our office:

It is crunch time here in the assessor's office. Taxable Status Date was March 1. That was the date by which all exemption applications had to be filed [or postmarked] for STAR, Enhanced STAR, Low-Income Senior, Low Income Disability, Regular Disability, Veterans

# מעגליכקייט פאר פרישע טוישונגען אין שטייער שאצונג ווען מאנרא ווערט אויפנעמען נייעם "טאון אסעסאר"

**ביז-איצטיגער אסעסאר באקלאגט זיך פאר טאון באורד איבער צופיל ארבעט און מעלדט זיין רעזיגנאציע - טוישונגען זענען 'נאכנישט פארטיג'**

(פארזעצונג פון זייט 30)

האבן אויפגענומען א נייעם אסעסאר, וואס נאטורליך איז צום ערווארטן אז דאס וועט אויך ברענגען מיט זיך עפעס טוישונגען אינעם צוגאנג און סיסטעם פון די שאצונגען, וועלכע זענען די שליסל-פונקט אין באשטימען וויפיל שטייער יעדער איינוואוינער דארף צאלן.

דער ווילידזש קאמיוניטי סערוויס דעפארטמענט שטייט אלעמאל גרייט ארויסצוהעלפן יעדן איינוואוינער מיט אלעם וואס שייך, שטייענדיג אויף די וואך אז קיינער זאל נישט בא'עוול'ט ווערן אין פאל די פרישע טוישונגען וועלן ברענגען אומזיסטע שאדן צו סיי וועמען, ווי עס איז שוין געווען אין דער פארגאנגענהייט ווען זיי האבן אראפגעברענגט דעם טאון אסעסאר זיך צו טרעפן פערזענליך מיט די תושבי קרית יואל, און מ'האט דארט אויסגעגליכן אלע דיפערענצן, ווי ווייט מעגליך.

[Alternative Veterans and Cold War], Firemen's, Agricultural, and Not-for-Profit. Virtually all we did during the last half of February was focused on receiving exemptions and helping people complete them properly.

March 1 is also the date on which the status of all properties is to be reviewed. This is particularly important in cases where, for example, there are open building permits, where there has been a fire, or cases in which a parcel has been split because of subdivision or the merger of two or more lots. We'll use that information to develop new/revised values for the affected properties.

While all of that was happening, we hosted three staffers from the NYS Comptroller's Office who performed a "STAR Audit," reviewing our policies and procedures and spot checking records. We are happy to report that all went well and that we have become the benchmark against which other municipalities will be compared. That status is the result of our two-year effort to make sure all exemption application are properly documented.

Now that Taxable Status Date has come and gone, the pace has not stopped, the emphasis has shifted from receiving exemption applications to processing them, making sure they are logged, that all supporting data is included [proof of age and income for the senior exemptions, for example], making follow-up calls as needed, and then going through them one-by-one to approve or deny them. If they are approved, the data gets entered into the system and, in certain cases, award letters are sent. If an exemption is not approved, a notice is sent to the applicant informing her/him of the situation and their right to appeal.

As one might guess, this is also the time of year when we begin to make assessment changes based on the above-noted changes due to permits, etcetera as well as written requests from individual property owners. We currently have more than 200 such requests on file and we expect that as we get closer to May 1 [the date on which the Tentative Assessment Roll must be filed], the number of requests will increase substantially.

**SCAR** – We have come to closure on the more than 80 Small Claims Assessment Review cases left over from the 2011 Assessment Roll. The two remaining cases are scheduled for March 28th. Each of those cases required a substantial amount of time and energy to review and negotiate/adjudicate. A substantial amount of time and energy are now required to enter any changes to the roll and develop back-up files and a tracking mechanism.

**The Project** – Data collection continues into the town outside the villages. The County has hired and provided to us two new data collectors who are getting up to speed. My suspicion is that due to delays and County personnel changes, we may not complete this process until sometime in September. A delay beyond September will make it more difficult to have our database completely cleaned up solid values applied for the 2013 roll.

**Other** – I've routinely offered the following at the end of my reports:

I would like to spend some time with the town board in January reviewing plans for a serious review of assessments and engagement of the public for the 2013 assessment roll.

# מעמד קביעת מזוזה אויף הרחבת גבולי הקדושה אין ביהמ"ד "ברך משה" באַשטימט אויף דינסטאָג שמיני הבעל"ט אול"י כ"ו ניסן

(פארזעצונג פון זייט 3)

היכל מנחם זאב - נדבת לבו פון מו"ה עקיבא הערש קליין הי"ו לע"נ חותנו ר' מנחם זאב בן מו"ה אברהם אבא ע"ה, זענען שטאַרק דאַנקבאַר פאַר די חברי הנהלה, וועלכע האָבן זיך ווידער אַהערגעשטעלט אין צוגאָב איז צוגעלייגט געוואָרן א פריש פארגרעסערטער צימער, וועלכע וועט זיין ספעציעל געאייגענט אַז מ'זאָל דאָרט קענען פאָרלערנען שיעורי תורה ברבים, ווי אויך דאָרט מסדר צו זיין מניני תפלה וכדומה. דער צימער איז נאָרוואָס פאַרענדיגט געוואָרן, און ביומא דהילולא רבה פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע וועט אָפּגעהאַלטן ווערן דער מעמד קביעת מזוזה צום נייעם צימער.

צו דער געהויבענער געלעגנהייט וועלן די מתפללי ביהמ"ד האָבן די זכיי' אַז מרן רבינו הגה"ק שליט"א וועט אַריבערגעקומען דינסטאָג נאַכט, אור ליום ההילולא פון מרן אביו הגה"ק זי"ע צו דאַווענען מעריב אינעם היכל הביהמ"ד וואָס איז נקראת על שמו פונעם בעל הילולא זי"ע. נאָכ'ן דאַווענען וועט דער רבי שליט"א קובע זיין די מזוזה על פתח הבית, און דערנאָך פראַווען א מסיבת לחיים לרגל המאורע.

גלייכצייטיג ווערט פאָרגעזעצט די העפטיגע אַרבעט אַהערצושטעלן די "מקוה" אויף די אונטערשטע שטאָק פונעם ביהמ"ד. דער רב הביהמ"ד הגה"צ רבי ברוך טייטלבוים שליט"א חדב"ן איז שטאַרק טעטיג צוזאַמען מיט הרה"ג רבי יוסף משה שטויבער שליט"א מו"ץ הביהמ"ד', אויסצואַרבעטן די פונקטליכע פּרטים, און האָפנטליך וועט די מקוה פאַרענדיגט ווערן גאַנץ בקרוב.

# א שפאציר אין "קור-ארט"...

(פארזעצונג פון זייט 11)

צוגענגליכקייט פאר "ערוואקסענע".

קרית יואל איז היינט אויסגעוואקסן אן עיר ואם בישראל. תוך העיר וגבולותי' קען שוין היינט ווייט נישט באטראכט ווערן ווי א קור-ארט. אין די שטאט ווירבלט כסדר מיט טויזנטער תושבים, קינדער און בחורים, יונגעלייט און בעלי בתים, מיטליעריגע אידן און זקנים, מענער און פרויען, מיט א פאפולאציע פון נאנט צו 25,000 נפשות כ"י בליעה"ר, און א רוישיגן טרעפיק וואס ווערט אלץ געדעכטער אין רעזולטאט פון די אנגייענדע הרחבת גבולי הקדושה אויף אן אויסטערלישל פארנעם. אין קרית יואל זעלבסט קען מען פון קיין אפרוה נישט טראכטן.

מיט'ן אהערשטעלן דעם נייעם קור-ארט איז צום ערווארטן א נייע עפאכע פאר קרית יואל. א גאנץ יאר וועט מען אי"ה ווייטער וואוינען אפגעזונדערט פון די גוי'שע גאס, און אויך ווען מ'וועט וועלן זיך אביסל דערפרישן אדער מאכן "צום געזונט" איבונגען, וועט מען אי"ה האבן א מעגליכקייט דערצו. גאנץ בקרוב וועט מען האבן א פלאץ וואו צו שפאצירן, פארברענגען מיט חסיד'ישע שמועסן, תלמידי חכמים וועלן האבן א פלאץ וואו מברר צו זיין קלארערהייט א בירור הלכה, צי א שווערע סוגיא אין ש"ס, אן צו ווערן געשטערט פון די ארומיגע גנזעלשאפט.

אזוי שטעלט דער נייער "רוח החיים קור-ארט" פאר נאך גאר געהויבענע און גייסטרייכע מאמענטן פאר קרית יואל, א פלאץ פון וואס קרית יואל וועט אי"ה נאך גאר אסאך הנאה האבן.

מיר ווארטן און קוקן ארויס דערויף מיט שפאנונג!

# אנגעהויבן בוי ארבעט אויף נייעם בנין התלמוד תורה

(פארזעצונג פון זייט 4)

היבש א ווייעכע ערד, מער ווי די געוועגליכע מאס און עס פאדערט זיך פארשידענע ספעציעלע שריט צו קענען צוגרייטן דעם באדן צוגעפאסט פאר אזא בנין.

אבער ר' אביגדור מיט זיין ערפארונג און געניטע פארשטאנד, האט דורכאויס די לעצטערע חדשים פרובירט צו טוען פארשידענע ערליי שריט, מיט'ן פראוו צוצוגרייטן דעם באדן לויט'ן פארלאנגטן געברויך, אבער אנדעם וואס מ'זאל דארפן אונטערנעמען די פרישע קאסטבארע צוגרייטונג-פראיעקט, וחפץ ה' בידו הצליח, אז פארגאנגענעם דאנערשטאג פ' צו העעל"ט זענען ב"ה צוריקגעקומען די רעזולטאטן גאר פאזיטיוו און באשטעטיגט צו קענען אויפבויען דעם בנין ווי געוואונטשן.

לויט'ן פלאן וועט אי"ה דער נייער בנין אנטהאלטן פיר גרויסע שטאקן; 48 חדרים, 2 בתי מדרשים, 3 עס-זאלן. ווי אויך וועט סטאנציאנירט ווערן אינעם נייעם בנין דער צענטראלער בית התבשיל פון די מוסדות, וואס דאס אליין איז ווי פארשטענדליך א מעכטיגע אפאראט פאר זיך, וואס וועט אי"ה צוגערישט ווערן אויפ'ן שענסטן פארנעם מיט אלע נויטיגע כלי מכשירים, פון וואנעט עס וועלן אי"ה ארויסגיין די טויזנטער פארציאנען עסן פאר אלע אפטיילונגען פון די מוסדות. בסך הכל וועט דער געביידע באשטיין פון 91,000 סקוועיר פיס, און ווערט פון פאראויס געשאצט אריינצוציען אין אזויפיל ווי קרוב צו 10 מיליאן דאלאר.

אלענפאלס, די פריידיגע פרישע נייעס פון 'הרחיבי מקום אהלך', רופט ארויס גרויס שמחה דקדושה ביי אלע עלטערן פון די מוסדות הק', ביי אלע תושבי קרית יואל, און ביי אלע תלמידי וחסידי סאטמאר אלוועלטליך, וועלכע קוועלן פאר שמחה מיטצוהאלטן ווי שיין עס פלעגט זיך בעז"ה ווייטער דער גאלדענער קייט פון די מוסדות הק' בפלטרין של מלך "קרית יואל".

גדול יהיה כבוד הבית הזה.


# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949

Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

- טראנספארטאציע דעפארטמענט -

## חול המועד סקעדזשועל!

### מאנטאג דינסטאג מיטוואך חוה"מ:

**Apr. 9 – 10 - 11**

*לאקאלע רוט:*

פון 12:00 מיטאג ביז 6:30 ביינאכט

### דאנערשטאג - ערב יו"ט:

**Apr. 12**

*לאקאלע רוט:*

פון 12:00 ביז 5:00 נאכמיטאג

***

### זונטאג - אסרו חג:

**Apr. 15**

*לאקאלע רוט:*

אנגעפאנגען פון 1:00 מיטאג

*וואלמארט רוט:*

אנגעפאנגען פון 12:45 מיטאג

ביידע רוטס וועלן זיך ענדיגן אויפ'ן רעגולער זונטאג סקעדזשועל

פאר סיי וועלכע טויש א גאנץ יאר קענט איר ריפן 1-4-2 845-783-8300

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**


## HOLIDAY ROUTE

**Number on side indicates time of bus passing at that location**

**ODD HOURS**

**11:00-1:00-3:00-5:00-7:00**

- Shopping Center :00
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Taylor by Boy's School (Drop Off)
- Hayes by Forest :05
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Acres :08
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Kahan
- Girl's School, Bakertown
- Meron (Filmore-Kalev Short cut) :10
- Leipnik & Teverya
- Business Canter
- Toltchav by Dinev
- Israel Zupnick by Getzel Berger :15
- Acres by Israel Zupnick
- Satmar by Acres
- Satmar by Siget
- Satmar by Hayes
- Krolla by Satmar
- Forest by Acres
- Forest by Mountain :18
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30
- Forest by Quickway
- Rimenev by Quickway
- Van Buren by Garfield
- Garfield by Hayes
- Hayes by Forest
- Forest by Senior Citizens
- Forest by Mountain :35
- Forest by Acres
- Krolla by Satmar
- Satmar by Hayes
- Satmar by Siget
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick
- Israel Zupnick by Getzel Berger
- Getzel Berger
- Getzel Berger by Meron
- Meron (Filmore-Kalev Short cut) :40
- Leipnik & Teverya
- Business Canter
- Bakertown by Israel Zupnick :42
- Toltchav by Dinev :00

**EVEN HOURS**

**10:00-12:00-2:00-4:00-6:00**

- Toltchav by Dinev :00
- Kahan by I. Zupnick
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Krolla
- Forest by Mountain :05
- Mountain & Karlin
- Sasev & Volova
- Taitch
- Chevron
- Nickelsburg & Tzfas
- Mezabish
- Krakow :08
- Ruzhin
- Mountain View
- Seven Springs
- Schunnemunk
- Keren Vayoel Moshe
- Shopping Center :13
- Van Buren by Garfield
- Rimenev by Quickway
- Forest by Preshburg
- Forest by Quickway
- D.A. Wieder :15
- Toby by Mountain View
- Ruzhin by Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas
- Chevron (Drop Off)
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin :18
- Forest by Senior Citizens
- Shopping Center :30
- Forest by Preshburg
- D.A. Wieder :31
- Toby by Mountanview
- Ruzhin by Krakow
- Mezabish
- Nickelsburg & Tzfas :35
- Chevron
- Taitch
- Volova & Sasev
- Mountain & Karlin
- Krolla by Satmar :38
- Satmar by Acres
- Acres by Israel Zupnick :40
- Israel Zupnick
- Meron (Filmore-Kalev Short cut)
- Leipnik & Teverya
- Business Canter
- Kahan by I. Zupnick :45
- I. Zupnick by Acres
- Acres by Satmar
- Satmar by Krolla
- Acres by Forest
- Forest by Mountain
- Keren Vayoel Moshe :50
- Shopping Center :00


# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949

Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

Mayor
Abraham Wieder

Administrator-Clerk
Gedalye Szegedin

Trustees
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

-בילינג דעפארטמענט-

## וויכטיגע מעלדונג

אין די טעג נאך יו"ט וועט ווערן ארויסגעשיקט

## וואסער און סאניטאציע בילס

פאר אלע איינוואוינער

## -די לעצטע בילס פאר דעם טעקס ביל-

ביטע נעמט אין אכט

**אז די לעצטע טערמין צו באצאלן דעם ביל איז**

## דאנערשטאג, May 10

**פיר וואכן נאך יו"ט (ל"ג בעומר)**

אויב די ביל ווערט נישט באצאלט ביז'ן אויבערדערמאנטן דאטום וועט דער באלאנס צוגעלייגט ווערן צום ווילעדש טעקס ביל, אן קיין פענעלטיס

**אויב באקימט איר נישט אייער וואסער אדער סאנעטאציע ביל, רופט אריין ווי פריער אין ווילעדש אפיס אויפ'ן נומער**

783-8300 Ext. 4-1

מיט דאנק

**די בילינג דעפארטמענט**



# בריוו פון תושבי הקריי'



## ווארעמען די קאר אבער נישט פארגאזן אידן מיט קארבאן מאנאקסייד

אל כבוד די צייטונג הקריה.

איך האב געוואלט אויפמערקזאם מאכן אויף א זאך וואס קען אמאל שטעלן מענטשן אין געפאר אן דעם וואס מען זאל דערפון וויסן.

איך ארבעט אין אין אפיס אין א סוב-בעיסמענט, וועלכע האט איין פענסטער, וואס איז אלץ האלבוועגס אפן, נעבן דעם פענסטער זענעם פארקירט פארשידענע אויטאס פון די שכנים.

איין צופרי, איך זיץ אינעם אפיס און איך שפיר קאפווייטאג און ווי עפעס א מידקייט און פארשלאפנקייט ציעט זיך ארויף אויף מיר און עס איז מיר שווער צו כאפן דעם אטעם. איך האב באשלאסן אז עפעס טויג נישט אינעם פלאץ, עפעס א גאז פארשפרייט זיך, און איך בין תיכף ארויסגעלאפן זיך כאפן דעם אטעם.

ארויסקומענדיג אין גאס איז מיר קלאר געווארן וואס דא גייט פאר, דער שכן האט געשטעלט די קאר ווארעמען צופרי צו גיין צו תפילת שחרית, און די קארבאן מאנאקסייד איז ארויסגעקומען גראד פון דעם עקזאוסט פייפ פונעם מאטאר און האט זיך געשנירלט תיכף צו מיין פענסטער.

קיין וואונדער אז איך האב זיך געשפירט ביים שוועל פון צוזאמפאלן, ווארום איך האב זיצנדיג אין אפיס פאר לאנגע מינוטן געאטעמט א פעסטע דאוזע פון ריינע קארבאן מאנאקסייד גאז וואס דער שכן האט מיך באדיבת לבו צוגעשטעלט פריי אן אפצאל...

די רויך פון א קאר איז ריינע קארבאן מאנאקסייד, און מען האט שוין געהאט פעלער פון מענטשן וואס זענען געבליבן שלאפן א שינת עולמים ר"ל, ביים לאזן די אויטא זיך ווארעמען אינעם אינדאר גאראדזש.

די בריוו איז אפשר נישט אזוי שייך אויף זומער ווען מענטשן לאזן נישט דעם אויטא ווארעמען, אבער מען דארף זיין פארזיכטיג ביים לאזן די אויטא מיט'ן מאטאר גייענדיג און דעם עקזאוסט פייפ געוואנדן צו א פענסטער, ווייל דאס קען שעדיגן מענטשן און זיי שטעלן אין סכנת נפשות. די גרעסטע פראבלעם איז אז קארבאן מאנאקסייד האט נישט קיין גערוך און מען כאפט זיך נישט אלעמאל וואס עס פאסירט ביז עס איז שפעט.

אייער פריינט

*י. פ.*

*

## אכט געבן אויף גוי'אישע געהילפן

אל כבוד די הקריה אויסגאבע

איך וויל מיט די שורות ארויסברענגען א וויכטיגן פונקט וואס ווערט צומאל פארקוקט. ווי באקאנט איז קרית יואל א גרויסע שטאט און עס געפונען זיך אפט עלטערע אידן זיידעס און באבעס וואס מוזן אנקומען צו גויאישע געהילפן וואס וואוינען מיט זיי אין שטוב אלס Home Health Aids זיי צו באדינען.

מען דארף אכטונג געבן אויף די געהילפן אז זיי זאלן זיך אויפפירן ווי עס פאסט אין אזא שטאט. צום ביישפיל, איך וואוין נעבן א פאמיליע וועלכע האט עטליכע געהילפן פאר זייערע אלטע עלטערן, עס קומט שב"ק און די גוי'טעס שטייען אינדרויסן ביים טיר פונעם בעיסמענט אפארטמענט וואו זיי וואוינען און רויכערן אום שב"ק און רעדן אויף די סעלפאונס און דאס גלייכן, דאס שטערט דעם אנגענעמליכקייט פונעם שבת און יום טוב און שאפט אן אומגעשמאקן טעם ביי די שכנים.

איך פארשטיי אז דאס פאסירט פון אומוויסנהייט און א מענטש איז נישט פאראנטווארטליכט אויף יעדן טריט און שריט פון זיינס א גוי'אישן געהילף, אבער איך גלויב אז מען קען רעדן מיט שיינעם און מסביר זיין פאר די גוי'אישע געהילפן אז דא ביי אונז אידן פירט מען זיך אנדערש, און שב"ק איז ביי אונז זייער הייליג און עס שטערט אונזערע געפילן ווען עמיצער שטייט אזוי אין הארץ פונעם שטאט און רויכערט און רעדט אויפ'ן סעלפאון.

בכלל איז גוט אז ביים אויפנעמען געהילפן זאל מען זיך נאכפרעגן צי דאס זענען ארנטליכע לייט און פון פאראויס וויסן צי זיי קאאפערירן מיט די רעליגיזע אטמאספערע ביי היימישע אידן.

ווי פארשטענדליך אז דאס איז שייך אלעמאל אפילו מען נעמט א גוי'טע צום קלינען אדער א געהילף אויף צייטווייליג, זיכער צו מאכן אז ער-זי פירט זיך אויף א וועג וואס פאסט צווישן אידן.

מיט דאנק

*נ. ל.*

*

## נישט פארקן אויפ'ן סיידוואק אויף עיקערס ראוד און פארעסט ראוד

צו די אויסגאבע הקריה

אלס א מאמע פון קינדער וויל איך אויפמערקזאם מאכן די דרייווערס אויף אן עוולה וואס ווערט אפטמאל באגאנגען קעגן אונז איינוואוינער פון עיקערס ראוד און איך זעה דאס צומאל אויך אויף פארעסט ראוד.

עס מאכט זיך אז א מענטש וויל פארקן אויפ'ן ראוד און היות ער וויל נישט בלאקירן דעם טראפיק פארקט ער ארויף אויפ'ן סיידוואק.

איז דאס יושר? וואס פאסירט איז אז די סיידוואק ווערט בלאקירט, עס איז דא בלויז א שמאלע דורכגאנג, און וואס זאל טון א מאמע מיט קינדער און א קערידזש, און ווער רעדט נאך מיט א דאבל קערידזש, מען קען בשום אופן נישט דורכגיין! וואס דארף מען טאן, אראפגיין אויפ'ן ראוד מיט די קינדערלעך.

דאס איז זיכער אז די וואס טוען דאס טראכטן נישט אריין אז מיט זייער אומפארזיכטיגן אקט שטעלן זיי צענדליגער פיסגייער, מענער פרויען און קינדער, אין געפאר.

עס איז ענדערש אז זיי זאלן פארקן אויפ'ן ראוד און אנצינדן די "בלינקינג לייטס" ווי איידער פארקן אויפ'ן סיידוואק.

נאך עפעס פאסירט ביי די וואס טוען די אומגעוואונטשענע זאך, אז זיי קומען צו פארן שנעל ארויף אויפ'ן סיידוואק און פארקן ארויף מיט א ווילדקייט, אפטמאל איז שוין שיער אמאל געקומען צו אן עקסידענט ווען די מענטשן זענען געקומען שנעל ארויפצופארן אויפ'ן סיידוואק, עס איז אומגעזעצליך, אומ'יושר'דיג און אוממענטשליך.

אפילו אז מען מאכט נישט קיין עקסידענט, דערשרעקט מען שטארק פרויען און קינדער און אנדערע פיסגייער וואס זעען ווי א קאר קומט אנצולויפן אויפ'ן סיידוואק, און מען ווייסט נישט צי עס איז איינער וואס וויל פארקן, אדער איינער וואס מאכט אן עקסידענט אדער האט פארלוירן קאנטראל פון די קאר.

אפטמאל פאסירט דאס פארקן אויפ'ן סיידוואק אויף עיקערס ראוד קעגן איבער די לעמבערג גאס, און דארטן איז דאס נאך מער נישט ריכטיג, ווארום אויף די אנדערע זייט איז דא גענוג און נאך וואו צו פארקן ביים עק לעמבערג, און מען דארף נישט פארקן מסוכנ'דיג אויף די סיידוואק.

איך האף אז מיינע אויפריכטיגע רייד וועלן אריינגיין אין הארץ פון די דרייווערס און עס וועט אויף זיי ווירקן און דער מעסעדזש וועט אנקומען צו דעם וואס עס דארף אנקומען.

מיט דאנק פאר'ן אריינלייגן מיין בריוו.

*ז. נ.*

# רואה ואינו נראה...

**באטש "איר זעט" די קאר ביינאכט, זעט אבער דער דרייווער אייך "נישט"!**

**דעריבער, היט אייך דאס אייגן לעבן, און טוט אָן א רעפלעקטאר, כדי דער דרייווער זאל אייך קענען זען!**

# מעלדונג!

**אריינצושיקן בריוו צו די רעדאקציע ווי אויף פאר סיי וועלכע פארשלאגן, עצות און קאמענטארן ווי אזוי צו פארבעסערן אונזער/אייער אויסגאבע אדער אויב איז אונזער אויסגאבע נישט אנגעקומען צו אייך אדער באקאנטע**

**ביטע פעקסט אריין אויף:**

**774-7945**

**אדער שיקט אריין אויף די פאסט:**

**Hakiryah 3 Chevron Rd. # 3-A, Monroe, NY 10950**

**אייער נאמען וועט געהיטן ווערן אין די רעדאקציע אויף אייער פארלאנג**

מיט שעצונג

**די רעדאקציע**



KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

**- טראנספארטאציע דעפארטמענט -**

# חמירא סכנתא מאיסורא

## אכטונג חשוב׳ע עלטערן און קינדער שיחי׳

מיר ווילן נאכאמאל דערמאנען איבער

# די סכנה נאכצולויפן א באס ח"ו

**פון די גרעסטע פראבלעמען ביים טראנספארטירן די קינדער איז, ווען א קינד דערמאנט זיך אין די לעצטע מינוט און נעמט זיך לויפן צום באס**

דאס איז א גרויסע סכנה סיי מצד די קארס וועלכע קענען דורכפארן און באמערקן נישט דעם קינד דורכלויפן, און סיי מצד דעם דרייווער וועלכער נעמט זיך פארן נאכדעם וואס ער האט זיכערגעמאכט אז אלע קינדער זענען שוין אויפ׳ן באס, און נעמט נישט אין אכט אז א קינד שטייט אים אונטערן רעדל ה"י.

**מאמעס זאלן געדענקען אז אויב דאס קינד קען שוין נישט צייטליך אנקומען צום באס סטאפ, זאל מען בכלל נישט אהינשיקן דאס קינד, ענדערש פארשפעטיגן דעם באס ווי ערגערס ח"ו.**

אויך זענען די דרייווערס אנגעזאגט נישט צו אויפנעמען קיין קינד וועלכע לויפט נאך דעם באס.

אויב פאלט עפעס אראפ נעבן באס, זאל מען בשום אופן עס נישט אויפהייבן פאר מען מעלדט נישט פאר׳ן דרייווער אז מען וויל עפעס אויפהייבן נעבן דעם באס

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע

**די טראנספארטאציע דעפארטמענט**

# פערמיט פראצעדור פון גיגאנטישן סיטי פייפליין פראיעקט רוקט זיך פאראויס מיט פאמעליכע טריט

(פארזעצונג פון זייט 8)

די אגענטורן און פון נאך עטליכע אגענטורן, און אויב אלעס גייט כשורה וועט מען לויט'ן פלאן אין וויניגער ווי דריי מאנאטן ארום קענען אנהייבן די ביד פראצעדור, און דערנאך די פאקטישע ארבעט פון גראבן דעם פייפליין, אזוי אז ערגעץ וואו אין תשע"ג הבעל"ט וועט מען שוין קענען בעז"ה אנהייבן טרינקען וואסער פון דעם קארנוואל קוואל, און דערמיט לינדערן אויף א היפשע צייט דעם כראנישן וואסער מאנגל פון וואס די שטאט ליידט אומאויפהערליך.

אזוי אויך וועט מען אין די זעלבע צייט ארבעטן אויפ'ן צווייטן חלק פונעם פייפליין צו ענדיגן דעם גאנצן פראיעקט און קריגן באשטעטיגונג פון די סיטי רעגירונג אנצוהייבן נוצן די גיגאנטישע וואסער רעזערווארן, וואס וועט בעז"ה זיין א פערמאנענטע לעזונג פאר קרית יואל, האפנטליך ביז משיח'ס טאג.

תושבי קרית יואל זענען דעריבער מתפלל און קוקן ארויס אויף די ווייטערדיגע הצלחה און סיעתא דשמיא פון די ענערגישע איבערגעגעבענע ווילידזש באאמטע, אז זייער ארבעט זאל געקרוינט ווערן מיט א פולקאמען סוקסעס און זיי זאלן באווייזן צו ענדיגן די ארבעט וואס שנעלער, צום פרייד און גליק פון די טויזנטער איינוואוינער אין די הייליגע שטאט.

צו די זייט פון די הנהלת הקריה שטייט דער גאנצער ציבור אנשי שלומינו תושבי קרית יואל גרייט מיט וואס מען קען נאר צוהעלפן פאראויס צו רוקן דעם אזוי לעבנסוויכטיגער פראיעקט, הויפטזעכטליך קומט דאס צום אויסדרוק ביים רעדן צו די פאליטישאנס אין די אלע רעגירונגס ביוראען אין אלע שטאפלען, וואס פארשטייען איין שפראך וואס רעדט מער פון אלעם וואס דאס איז א מעכטיגער כח פון שטימען, וואס ווערט געשיקט דורך יעדן אחריות'דיגן איינוואוינער וואס ווייזט ארויס מיט דעם 'דער אחריות פונעם יחיד פאר'ן ציבור' און האט שוין אהערגעשטעלט א כח פון א ריזן 'בלאק וואוט' וואס עפנט בחסדי השם טירן און טויערן ביי די נויטיגע אינסטאנצן, און דאס גיט דער טרייב קראפט פאר די ערוועלטע באאמטע נאכצוקומען די פארלאנגען פון די איינוואוינער פון קרית יואל.

שלח לחמך על פני המי"ם.

FRIDAY, MARCH 16, 2012 • TIMES HERALD-RECORD 7

## KJ set to start Aqueduct pipeline dig

### 13.5-mile-long pipe would tap NYC water

BY CHRIS MCKENNA
Times Herald-Record

Kiryas Joel is preparing to start construction of the first phase of a 13.5-mile pipeline to the Catskill Aqueduct, a $29 million project the village has planned for more than a decade to solve its ever-increasing demand for drinking water.

For this initial work, the village plans to bury a 24-inch-wide pipe under state and county roads from Kiryas Joel to Cornwall, a 6.5-mile stretch that takes in all of Seven Springs Road and Ridge Road and the northern half of Route 32 in Woodbury, according to papers submitted to the state Department of Environmental Conservation in October.

A project engineer met with Woodbury officials in February and told them construction might begin in May. Woodbury Supervisor John Burke responded last week with a long list of questions and demands intended to minimize the traffic disruption and potential property damage.

Kiryas Joel still needs permits for the work, according to various permitting agencies.

As of Wednesday, the DEC had yet to grant permits to cross wetlands and disturb streams, an agency spokeswoman said.

The stream permit is needed because the water main would burrow under the Woodbury Creek.

**Kiryas Joel's engineers told the state in October that its new Cornwall well can produce 600,000 gallons of water a day, which is a gusher.**

#### NYC permission on hold

Meanwhile, the agency that oversees New York City's vast, upstate water supply and must grant Kiryas Joel permission to tap the Catskill Aqueduct says it hasn't finalized a water-supply agreement.

They also said they have had no contact with Kiryas Joel about its water project for at least a year.

If true, that lack of communication is surprising because representatives of the village and the city's Department of Environmental Protection agreed they were on the verge of finalizing a deal when they met to discuss the project in mid-February 2011, according to notes from that meeting that the Times Herald-Record obtained last year.

In response to a Freedom of Information Law request for any meeting notes, email exchanges or other documents concerning the project since April 1, 2011, department spokesman Mike Saucier said there were none.

The first stage of construction will end at a property on Route 32 in Cornwall where Kiryas Joel plans to build a pump station and connect a new well it needs to boost its backup water supply, according to the village's paperwork.

Upstate communities that use the city's water are required to maintain adequate backup sources they can use when the city's massive water tunnels are shut off for repairs. Kiryas Joel still had to prove it could meet that requirement when its lawyers met with the Department of Environmental Protection in February 2011.

Kiryas Joel's engineers told the state in October that its new Cornwall well can produce 600,000 gallons of water a day, which is a gusher. Drawings submitted with its permit application suggest the well is on a vacant, 9.7-acre parcel Kiryas Joel bought for $264,000 in November 2010.

#### Backup wells required

Farther north on Route 32, Kiryas Joel also hopes to connect an abandoned water system once used by the Star Expansion factory. Kiryas Joel officials told the city last year that the Star Expansion wells can produce 1.5 million gallons of water per day.

Ultimately, Kiryas Joel plans to extend its pipe to New Windsor and share that town's tap into the Catskill Aqueduct. It also plans to build a treatment plan on Seven Springs Road in Woodbury to filter the aqueduct water.

cmckenna@th-record.com

PLANNED PIPELINE ROUTE




דער רעקארד באריכטעט איבער די פארשריט פונעם פייפליין

# "חברים" אפעלירט: גרייט מאכן די אויטא און מיטנעמען א ספעיר שליסל ביים פארן מיט די פאמיליע חול המועד האלטן

(פארזעצונג פון זייט 27)

אן ערזאץ, ומי שטרח בערב שבת יאכל בשבת.

אויך דארף מען זיכער מאכן אז די קאר איז אין ארדענונג, די רעדער זענען אין ארדענונג און אז מען האט א "ספעיר טייער" און די כלים צו טוישן א רעדל.

מען דארף אויך מיטנעמען גענוג קאר סיטס און אריינבינדן די קינדער ווי דער געזעץ פארלאנגט כדי צו פארמיידן עגמת נפש פון טיקעטס. אויך זאל מען זיכער מאכן אז די לייסענס, רעגיסטרעישאן, און אינספעקשאן זענען אין ארדענונג, ווארום די סטעיט פאליציי זענען גאר מחמיר אין די אלע ענינים און טיילן טיקעטס אן רחמנות, (און אויב ווילן זיי זיך שטעלן קענען זיי אוועקשלעפן די קאר פאר אן אפגעלאפענעם רעגיסטראציע, אינספעקציע, אדער פאר'ן נישט האבן די לייסענס מיט זיך).

גמ"ח הצלה אפעלירט צו אייך:
פארט איר
סיי ווען, סיי וואו,
און איר האט פלאץ?
ביטע רופט:
845-782-5376

# הערליכע מסיבת הכרת הטוב פארגעקומען פאר וואלונטירן און פאמיליעס פון "חברה הצלה דקרית יואל"

(פארזעצונג פון זייט 8)

געוועזן ווען דער חשוב'ער גאסט, הרה"ג רבי אברהם צבי הלוי וואזנער שליט"א, אב"ד סאטמאר מאנסי, האט אויפגעטרעטן מיט א לענגערע רעדע, וואו ער האט ארומגערעדט איבער די גרויסקייט און הייליגקייט פון ארויסהעלפן אידישע קינדער אין צייט פון נויט און די גרויסקייט פון הצלת נפשות. באזונדער האט דער חשוב'ער רב שליט"א ארומגערעדט איבער די גרויסע זכות וואס די ווייבער און פאמיליעס פון די הצלה וואלונטירן האבן, דערמיט וואס זיי געבן זיך אוועק אז זייערע מענער זאלן קענען לויפן ארויסהעלפן אידן, סיי וועלכע צייט, צי זאל עס זיין אינמיטן דער נאכט, אינמיטן שבת, אינמיטן הערליכע יום טוב סעודות און אזוי ווייטער.

ביים ענדע פונעם אוונט האבן זיך די וואלונטירן און פאמיליעס משמח געוועזן מיט די ארקעסטרע און מוזיק און טאלאנטפולע נגינה, און מען איז זיך צעגאנגען געשטארקט און פרייליך, מיט פרישע כוחות ווייטער אנצוגיין און ארויסצוהעלפן אידישע קינדער.

# וויכטיגע אנווייזונגען פון "חברים" ביים גיין חול המועד האלטן מיט די פאמיליע

(פארזעצונג פון זייט 27)

און א קינד ווערט פארשוואונדן...

מיר דארפן נישט שילדערן וואספארא ציטער און אנגסט עס כאפט אן די עלטערן ווען מען איז אין א פרעמד פלאץ און דאס קינד ווערט פארשוואונדן, דער פחד און צער איז אין לשער. מען רופט אריין די "חברים" ארגאניזאציע מיט א געוואלד אז דאס קינד איז פארשוואונדן געווארן.

ווי פארשטענדליך ווערן אלע קאלס געענטפערט כאטש וואס עס איז שווער, עס איז געווענליך א ריחוק מקום און די "חברים" מיטגלידער האבן אויך פאמיליעס מיט קינדער און גייען אויך חול המועד האלטן, דאך ווען עס קומט צו א איד וועלכער איז אין נויט, ובפרט אזא עמוירדזשענסי, לאזט מען אלעס איבער און מען לויפט העלפן.

אט איז וויכטיגע אנווייזונגען ביים גיין חול המועד האלטן צו פארמיידן עגמת נפש און עמוירדזשענסיס:

1) מען דארף נישט אנזאגן דאס פארשטענדליכע, אז ווען מען גייט מיט דאס געזונדל מיט קינדער בליעה"ר דארף מען גיין פארזיכטיג און געלאסן, און זיכער מאכן אז מען האט צו יעדע צייטן אלע קינדער מיט זיך און אז קיינער בלייבט נישט הונטערשטעליג. מען טאר נישט לאזן די קינדער ארומלויפן אליינס אן פאראנטווארטליכקייט אין א פרעמד פלאץ.

2) אז מען האט גרעסערע קינדער זאל מען באאויפטראגן יעדעס פון די גרעסערע קינדער מיט איין קינד אויף וועמען ער-זי דארף האבן דעם אויסשליסליכן פאראנטווארטליכקייט.

3) דאס וויכטיגסטע איז: ארויפלייגן א לעיבל מיט די אינפארמאציע פונעם קינד, געשריבן אויף ענגליש, אויף יעדן איינציגן קליינעם קינד וועלכע קען נישט זאגן זיין נאמען אין ענגליש.

דאס איז גאר וויכטיג. אפטמאל ווערט דאס קינד שוין לאנג געטראפן אין א ווינקל פונעם פארק דורך אנדערע פארבייגייער, אבער עס נעמט גאר לאנג ביז מען טרעפט זיך צוזאם מיט די עלטערן אדער די "חברים" זוכערס ווייל דאס קינד קען נישט זאגן ווער ער-זי איז.

אויפ'ן צעטל דארף זיין געשריבן דאס נאמען אין ענגליש, און אויך א סעלפאון נומער, די היים נומער איז נישט גענוג ווארום קיינער איז דאן נישט אין שטוב צו ענטפערן דעם טעלעפאן.

4) מען זאל קיינמאל נישט לאזן די קינדער אליינס אין א קאר, אפילו א מינוט, ווארום דאס שטעלט די קינדער אין א סכנה, און אז א גוי'אישער פארבייגייער זעט דאס רופט ער גלייך די פאליציי, און דאן איז דאס יענע געשיכטע, און מען קען דערפאר ארעסטירט ווערן...

דאס מאכט זיך אפט ווען מען איז אין די פרעמד, און א קינד בעט אין ביה"כ, און מען גייט מיט אים אריין ערגעץ און מען לאזט די איבריגע קינדער אין קאר, דאס טאר מען נישט טון. ענדערש זאל מען אלע קינדער מיטשלעפן מיט זיך, עס לוינט נישט איינצושטעלן ווייל עס קען זיך ענדיגן מיט עגמת נפש.

מען זאל כסדר זיכער מאכן אז מען האט דעם געלט בייטל און די קאר שליסלעך מיט זיך און דאס נישט לאזן פארשפארט ווערן אין קאר. אויך זאל מען זיכער מאכן אז מען האט גענוג געזאלין.

ווען מען גייט אין די פרעמד דארף מען פארשפארן די אויטא, ווייל עס האט שוין אסאך מאל פאסירט גניבות אין די פארקינג לאטס פון די פארקס און אטראקציע ערטער. ספעציעל זאל מען נישט לאזן אנזעעבאר טייערע עלעקטראנישע כלים צב"ש סעלפאונס, קאמעראס, און דזשי. פי. עס. מאשינען. געדענקט איר זענט נישט אין קרית יואל.

# צוגרייטונגען צום 10'טן זומער אין "מחנה בית רחל" אין פולסטן שוואונג

(פארזעצונג פון זייט 10)

גרויסע כוחות ווערן אריינגעלייגט אין די שבתים, וואס יעדער שבת איז דער הויכפונקט פון די ששת ימי המעשה אינעם קעמפ. במשך די זעקס טעג פון די וואך ארבעט א באזונדערע שטאב אז דער שבת קודש זאל פארברענגט ווערן דורך די תלמידות אין א הייליגע אטמאספערע און אויף א געהויבענעם פארנעם.

טראצדעם וואס ס'איז נאך דא עטליכע וואכן ביז דער קעמפ וועט אי"ה געעפנט ווערן, זיצן שוין די איינגעשטעלטע און שטעלן אויס פונקטליכע ליסטעס מיט א גענויעם סדר היום פאר "יעדן איינציגן טאג" און וואס די מיידלעך וועלן טון יעדע שעה פון טאג. עס ווערט אויסגעארבעט די פראגראמען פון "ארטס-און-קרעפטס", קאכן און באקן, סערווירן עסנווארג, פירן און האלטן מסודר א שטוב, וואשן וועש, נייען, און נאך. די הנהלת המחנה מאכט זיכער אז די מיידלעך זאלן זיין פארנומען מיט עפעס יעדע שעה און יעדע מינוט פון טאג, און יעדע געלעגנהייט זאל אויסגענוצט ווערן פאר א תועלת.

אסאך כח און מח האט מען אריינגעלייגט אז עס זאל נישט פארלוירן גיין די צייט מיט נארישקייטן און פוסטע אנברענגעריי, נאר מען זאל דאס אויספולן איינצוקויפן די מאקסימום ברוחנית, און זיך אנפולן מיט ריינע ערליכע השקפה, אלעס וואס איז נויטיג און וויכטיג פאר א אידישע טאכטער, וואס וועט אין די נישט ווייטע צוקונפט זיין א ערליכע אידישע מאמע.

איינע פון די וויכטיגסטע פיגורן אין קעמפ זענען די "קעמפ-מאמעס", דאס זענען פרויען וואס דינען ווי עלטערן פאר די קינדער בשעת זיי זענען אוועק פונדערהיים, וואס זיי דארפן האבן ווער ס'זאל האלטן אן אויפזיכט אויף זיי בנוגע צניעות, חברותות, התנהגות וכדומה, און סיי אז זיי זאלן זיין צופרידן און זיך געפינען אין א גוטע אטמאספערע און האבן צו וועמען צו רעדן ווען מ'בענקט זיך אהיים וכדומה.

אויף יעדע אפטיילונג איז דא א באזונדערע שטאב, צב"ש אויפ'ן שווימען אז ס'זאל זיין אלעס מסודר בגשמיות און אויסגעהאלטן ברוחניות, א באזונדערע שטאב אז אלעס אין עס-זאל זאל זיין כשורה און די קינדער זאלן עסן מיט דרך ארץ און בענטשן בכוונה, א באזונדערע פרוי איז געשטעלט געווארן צו האלטן א שמירה אז מ'זאל וויסן וואו יעדעס קינד איז יעדע מינוט פון טאג, א באזונדערע "פלעי דירעקטאר" איז אויפגענומען געווארן צוצוגרייטן א הערליכע שפיל פאר די קינדער, און אזוי אויף יעדן טריט און שריט פונעם קעמפ איז דא א באזונדערע שטאב וואס איז ממונה אויף דעם געביט.

## די רענאוואציעס צום קומענדיגן זומער

אבער נישט נאר ברוחניות זארגט מען זיך פאר'ן וואוילזיין פון די קינדער, נאר אויך בגשמיות.

פארשידענע וויכטיגע רענאוואציעס זענען געמאכט ווערן במשך דעם ווינטער סעזאן, און ווערן אצינד אין די וואכן צוגעענדיגט, כדי צו קענען עפענען דעם קעמפ צום זומער זמן הבעל"ט מיט אן התחדשות און א פרישקייט, צו די בעסטע באקוועמליכקייט פון די תלמידות.

פאלגענד איז א קורצער אפדעיט באריכט פון די לעצטיגע רענאוואציעס:

- אין דעם "דזשעי" בילדינג האט מען פאררואכטן אלע שפאלטנס און לעכער וואס ס'האט געהאט, מ'האט געלייגט נייע בעסערע הוקס אין אלע קלאזעטס און אין אלע ביה"כ, און מ'האט אפגערייניגט אלע פלעקן פון טעיפ דער גלו וכדומה.
- אין "די" בילדינג האט מען איבערגעמאכט רוב ביה"כ פונעם בילדינג, וועלכע זענען שוין נישט געווען אינעם בעסטן צושטאנד.
- דעם בנין הביהמ"ד האט מען פאררואכטן, הערליך שיין אהערגעשטעלט און אויפגעפרישט אלעס וואס האט זיך אויסגעפעלט.
- די "שיטראק" אינעם קאך וואס איז שוין געווען שמוציג פון אזויפיל יאר אין באנוץ, האט מען אראפגענומען און ערזעצט מיט נייע שיטראק.
- אינעם לאנטש-רום האט מען פאררואכטן און איבערגעפארבט צווי ווענט, ווי אויך דער דאך איז פאררואכטן געווארן אויף עטליכע פלעצער וואו ס'האט טיילמאל אריינגערעגנט.
- דעם אויבערשטן שטאק פון די לאנטש-רום געביידע וואס איז ביז היינט נישט געווען אין באנוץ, האט מען טיילווייז רענאווירט און געלייגט נייע טיילס וואו ס'האט זיך אויסגעפעלט אז ס'זאל קענען באנוצט ווערן פאר פרישע שלאף-שטיבער.
- אין די "אי" און "טי" בילדינגס וואו עס זענען קווארטירט די איינגעשטעלטע און זייערע משפחות, האט מען ארויסגענומען אלטע עירקאנדישאנס פון די וואנט וואס האט נישט געארבעט גוט, און געלייגט נייע בעסערע עירקאנדישאנס אין די פענסטער, און מ'האט פארשטאפט די לעכער אין די וואנט.
- אין די לאנטש-רום געביידע האט מען ארויסגענומען אלטע צעבראכענע עיר קאנדישאנס וואס איז קיינמאל נישט געווען אין באנוץ (ס'איז דא געהעריגע עיר קאנדישאנס אין די פענסטערס), און מ'האט צוגעשטאפט די לעכער.
- אן אויוון אין קאך וואס איז געווען צעבראכן האט מען פאררואכטן צום נייעם זומער זמן.
- דער "אינדאר סווימינג פול" וועט היי-יאר ווערן איבערגעפעינט און איבערגעפרישט.

די הנהלה פארשפרעכט פון זייער זייט, צוצושטעלן די שענסטע און בעסטע, און דער קרעדיט וואס זיי האבן ביי די ביז איצטיגע צופרידענע עלטערן איז ב"ה זייער הויך.

די הונדערטער צופרידענע עלטערן ווינטשן פאר די געטריי חברי הנהלה, פאר די מנהלים רוחנים, און פאר די איבערגעגעבענע סטעף מחנכות און אלע געטרייע מיטארבייטער אין קעמפ וואס געבן זיך אוועק פארן וואוילזיין פון די תלמידות, אז זיי זאלן האבן ברכה והצלחה און סייעתא דשמיא אין זייער ארבעט, זיי זאלן מצליח זיין אפצוצייכענען דעם בעפארשטייענדען זומער, מיט אסאך הצלחה אין יעדן הינזיכט וואס איז שייך.

די הנהלת המוסדות געבן אפ פאר השי"ת א שבח והודאה אויף די אומגעהויערע סייעתא דשמיא וואס באגלייט זיי לכל אורך הדרך, וואס דאס אלעס איז בכוחו ובזכותו של אותו זקן, די כוחות פונעם רבי'ן זי"ע וואס ער האט מייסד געווען די הייליגע מוסדות, און ער האט אראפגעשטעלט די גענויע תקנות און הדרכות ווי אזוי די מוסדות זאלן זיך פירן, וואס איז שפעטער נמשך געווארן דורך רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, און עס גייט אזוי ווייטער בנשיאותו ובהדרכתו פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, עד ביאת הגואל.


# VILLAGE OF KIRYAS JOEL

Post Office Box 566, Monroe, NY 10949
Phone: 845.783.8300 • Fax: 845.783.9491 • TDD: 800.662.1220

**Mayor**
Abraham Wieder

**Administrator-Clerk**
Gedalye Szegedin

**Trustees**
Moses Goldstein
Jacob Freund
Samuel Landau
Jacob Reisman

**- פובליק סעיפטי דעפארטמענט -**

## אריינטרעטענדיג אין די זומער חדשים, אפעלירן מיר צום חשוב'ן עולם זיך צו האלטן צו די פאלגענדע פונקטן:

- מען זאל דרייוון געלאסן אין שטעטל, צוליב די פילצאליגע קינדער בליעה"ר וואס געפינען זיך אויף די גאסן.
- **מען זאל איינהאלטן אלע טרעפיק רעגולאציעס, איבערהויפט בנוגע טרעפיק לייטס און סטאפ סיינס.**
- מ'זאל נישט פארקן אויפ'ן ראוד ווייל ס'איז א גרויסע סכנה.
- **מען זאל נישט רעדן אויפ'ן סעלפאון ווען מען דרייווט. דער טעלעפאן האט שוין גורם געווען אסאך אומגליקספאלן ה"י. עס איז א סכנה, און נישט אויסגעהאלטן לויטן געזעץ.**
- מען זאל זיין געווארענט נאר צו גיין אויפן סיידוואק, ווייל עס איז שווער פאר דרייווערס צו זעהן ביינאכט די פיסגייער. עלטערן זאלן שטרענג אנזאגן די קינדער דערויף. אזוי אויך פרוען מיט קערידזשעס זאלן נישט גיין אויף די ראודס נאר אויפ'ן סיידוואק.
- **מען זאל בשום אופן נישט פרובירן צו פעסן קארס אדער טראקס א.ד.ג.**
- מען זאל קיינמאל נישט איבערלאזן א קינד אליין אין א קאר אפי' אויף א מינוט, עס איז א סכנה, און ווערט פאררעכנט פאר א "טשיילד אביוז" ח"ו.

**לעצטנס איז אריינגעקומען מערערע קאמפלעינטס איבער אומ-אחריות'דיגע דרייווער וועלכע פארקן די קארס אויפ'ן סיידוואק, דאס איז אומלעגאל, און עס שטעלט ח"ו אין געפאר די פיסגייער**

**געדענקט! יעדער יחיד איז מחויב אויסצופאלגן אלע געזעצן פון דרייוון, און אלע אנדערע זיכערהייט באווארענונגען, דאס איז נישט געמאכט געווארן אפצוטאן דעם מענטש נאר פאר די אייגענע זיכערהייט בס"ד**

**א געזונטן זומער**

**די פובליק סעיפטי דעפארטמענט**

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • **Tel.** 845.782.3242 • **Fax:** 845.783.7133

***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman

# רנ"י ושמחי

רב ברכות און מזל טוב צו וואונטשן איז די צייט, פאר אונזער לאנגיאריגער דענטיסט פיל שמחה און פרייד
ובקול צהלה פרייען מיר זיך יעצט, מיט ר' רונן יוסף וואס ביי אונז אזוי געשעצט
נישט סתם א דענטיסט נאר מיט הארץ און לעבן, ארויסהעלפן אנדערע דאס איז זיין שטרעבן
נאר א שמייכל אויף א איד'ס פנים אזוי טייער און וויכטיג, זיין איבערגעגעבנקייט צו באגריסן ריכטיג

יעדן באקאנט מיט זיין לב טוב, און זעלטענע מעלות און מדות לרוב
וואיל בארימט אלס דער רופא נאמן, זיין גוטער נאמען איבעראל טוט שמ'ען
ס'פרייען זיך מיט די פאציענטן אלע, מיט לויב צו השי"ת בשמחה וצהלה
פיל נחת און הצלחה א בית מלא שמחה, מיט טיפע געפילן באגריסן מיר דעם רופא מומחה

ה"ה אונזער לאנגיאריגער
און געטרייער דענטיסט

## דר. ר' רונן יוסף אסינסקי הי"ו

## Ronen Y. Osinsky DDS

## לרגל שמחת הולדת הבת למזל טוב

זאל השי"ת אים געבן כח, געזונט און לאנגע יארן, צו קענען שטיין ווייטער צו הילף
פאר די תושבי הקרי', ער זאל זען פיל נחת ושמחה - צוזאמען מיט זיין ב"ב שתחי'
- און זוכה זיין צו דורות ישרים ומבורכים, מיט הרחבת הדעת וכל טוב, און מיר
זאלן זיך שטענדיג קענען פרייען אויף שמחות, ושתשרה שכינה במעשה ידיו אמן.

כעתירת וברכה
**הנהלת עזרת חולים**



DESIGN & PRINT / 845.782.3382

# KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT

48 Bakertown Road Suite 401• Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176

## חשוב׳ע איינוואוינער פון קרית יואל!

אזוי ווי מיר האבן לעצטנס אריינבאקומען עטליכע קאמפלעינטס
פון פארשידענע פעלער ווען דרייווערס זענען דורכגעפארן די סקול באסעס
ווען די רויטע לייטס זענען געווען אנגעצינדן.

**ווילן מיר נאכאמאל אויפמעקזאם מאכן דעם חשוב׳ן ציבור**

## אז דאס איז א שרעקליכע סכנה ה״י

אריבערפארן א סקול באס ווען די לייטס בלינקען איז אומלעגאל,
און מען קען פארלירן די לייסענס פארן פארלעצן דעם געזעץ.

**A new school year is beginning!**

**We are still receiving numerous complaints with respect to motorists who pass school buses when the school bus has their lights flashing. Passing school buses when the bus has flashing lights is dangerous and illegal!**

מיט דאנק פאר אייער קאאפעראציע און פארשטענדעניש

די טראנספארטאציע דעפארטמענט





KIRYAS JOEL UNION FREE SCHOOL DISTRICT
48 Bakertown Road Suite 401 • Monroe, NY 10950 • (845) 782-2300 / Fax (845) 782-4176
טראנספארטאציע דעפארטמענט
וויכטיגע טראנספארטאציע זיכערהייט אנווייזונגען
אריינטרעטנדיג אין די זומער חדשים, ווען די קינדער געפונען זיך מער אויף די גאסן, אפעלירן מיר צו די חשוב'ע עלטערן אנצוזאגן די קינדער אויף די פאלגענדע פונקטן:
קינדער זאלן ח"ו נישט שפילן אדער גיין אויף די ראודס נאר אויפ'ן סיידוואק.
ווען עס פאלט ארויס א שפילצייג אויפ'ן ראוד זאל מען עס ח"ו נישט נאכלויפן אן די אויפזיכט פון אן ערוואקסענעם.
אפי' ווען מען פארט מיט א "ביגוויל" אויפ'ן סיידוואק זאל מען אויך נישט פארן ווילד נאר געלאסן.
בפרט זאל מען זייער אכטונג געבן אין די געגנטער וואס זענען אויף בערג, אז די קינדער זאלן ח"ו נישט אראפפארן די בערג מיט סיי וועלכע ביציקעל צוליב די גרויסע סכנה!
א באזונדערע ווענדונג צו די דרייווערס:
פארקט נישט אויפ'ן ראוד ווייל ס'איז א גרויסע סכנה.
ווען איר פארקט אויפ'ן גאס טוט איר דערמיט אריינשטעלן אין א סכנה אייערע אייגענע קינדער ח"ו
אז מיר וועלן טוהן אונזערע פליכטן על פי תורה, וועט השי"ת האלטן די רעכטע האנט אויף כלל ישראל, און מיר וועלן אלע האבן א געזונטן זומער
מיט שעצונג
די טראנספארטאציע דעפארטמענט

# EZRAS CHOILIM HEALTH CENTER

49 Forest Road • Monroe, NY 10950 • ***Tel.*** 845.782.3242 • ***Fax:*** 845.783.7133



***Chairman***
Abraham Wieder

***Board of Directors***
Moses Goldstein
Martin Schlesinger
Israel Sofer
Chaim N. Werczberger
Chaim N. Weinstock
Pinchas Kish
Ronald J. Cohen
N. R. Weiss
E. Srugo
E. Rubinstein

***Executive Director***
Joel Mittelman


# וויכטיגע מעלדונג!

## דער העלט סענטער וועט זיין אפן אי"ה דעם קומענדיגן יו"ט פסח

### אין די פאלגנדע זמנים:

| | פרייטאג ערב פסח | שב"ק ערשטע טאג יו"ט | זונטאג צווייטע טאג יו"ט | מאנטאג דינסטאג מיטוואך חוה"מ | דאנערשטאג ד' דחוה"מ | פרייטאג שביעי של פסח |
|---|---|---|---|---|---|---|
| פידיעטריק Pediatrics | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 9:00 ביז 2:00 | געשפארט (צוליב חגא) | פון 10:00 ביז 6:00 | פון 9:00 ביז 5:00 | פון 11:00 ביז 4:00 |
| מעדיקעל General Medicine | פון 9:00 ביז 3:00 | פון 9:00 ביז 2:00 | געשפארט (צוליב חגא) | פון 10:00 ביז 6:00 | פון 9:00 ביז 3:00 | פון 11:00 ביז 4:00 |
| דענטאל Dental | געשפארט | | | פון 10:00 ביז 5:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | פון 9:00 ביז 2:00 (בלויז פאר עמוירדזשענסי) | |




בברכת שמחת יו"ט
**הנהלת עזרת חולים**


DESIGN & PRINT / 845.782.3382